

בס"ד


שנה ה'
פרשת
אח' ק תשפ' ה
נומער 263


# קרית ברסלב בלעטל

# שלום צורישן אידן

אינפארמאטיווע שמועס מיט **מו"ה שלום אלי' אינדיג הי"ו** ווי אין די ווייטע קאנאדע גייט ער הפצה מיט א געוואלדיגע חיות, צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס לעכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט.

סעודה מיטן ראש ישיבה:
**די בעסטע מתנה וואס מען קען שענקן פארן ראש ישיבה שליט"א**

א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א:
**וואס מיינט פסח שני פאר מיר?**

קוק אהער:
**ר' איד, איך פארשטיי לערנען!**

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת אח"ק תשפ"ה • 264


**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**פרויען אפטיילונג**
ל. וועבערמאן
מ. פאפענהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
ח. שטיינבערג
ל. סאקס



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00




מיסיל געפאלן אין לופטפעלד 8



פסח שני 15


שלום צווישן אידן 19

11 אלץ און אלעמען
12 מעשיות פון תפילה
31 סעודה מיטן ראש ישיבה
51 קינדער בלעטל



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידיש שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


**זמנים**
אח"ק י"ב אייר

הדלקת הנרות . 07:47
מוצאי שבת ..... 09:19

**מנחה מעריב**
**פרשת אח"ק 9:05**












FREE DELIVERY
MINIMUM $50

CALL BEFORE 3:00 PM FOR SAME DAY DELIVERY

dominogrp.com

צייטן טוישן זיך. אריינפארן אין שטאט איינקויפן פלייש איז א
פארגאנגענהייט. רופט אריין טעגליך סאטמאר פלייש ד'קעטסקילס
צו באשטעלן אייער ארדער און ס'ווערט אפגעליפערט צו אייער טיר.

CALL OR TEXT - SATMER MEAT UPSTATE: **845.316.9990**

סאטמאר פלייש

# בריוו צו די רעדאקציע

## יציאת מצרים 2025

לכבוד די חשובע רעדאקציע קרית ברסלב בלעטל

די בלעטל (גארנישט אזא בלעטל...) פון יו"ט איז געווען עפעס אויסנאם שיין און ציענד, יעדע ארטיקל אזוי הערליך!

ספעציעל האב איך הנאה געהאט פון די אפטיילונג "פאר די אידישע שטוב", יעדע באשרייבונג באזונדער אזוי תוכנ'דיג, עפעס עקסטער איז געווען די "יציאת מצרים 2025" - פשוט א מבול פון חיזוק!

איך מיין אז יעדע איינע האט זיך געקענט טרעפן דארט, עס גיבט זייער שטארק צו, צו זען אז מען איז נישט אליין אין די מצב..

איך האב געוואלט אנכאפן די נושא - "אומאן", וואס מיט דעם באקומט מען די טיטל "ברסלב" און דאס איז זייער שווער פאר אסאך, אויך פאר מיר איז דאס געווען גאר שווער. גראדע, ווען מיין מאן איז געפארן די ערשטע יאר איז עס יא אזוי מיטגעפארן אן קיין איבריגע שוועריקייט, אבער די פריערדיגע ראש השנה איז ער געפארן מיט די קינדער, אוי, איז דאס געווען מיט מניעות...

ווייל אויב מען פארט שוין מיט די קינדער ווערט מען שוין ממש פאר'חתמ'ט מיט א גאלדענעם זיגל, אז אונז געהערן צו די "שרעקעדיגע" פלאץ וואס הייסט היכל הקודש.

בקיצור די מניעות איז געווען זייער זייער שטארק, א גאנץ יאר האבן די קינדער גערעדט פון פארן מיט אזא שמחה, מען האט זיך געגרייט, און איך בין געווען ווי א אויסגעטריקנטע בלעטל, איך האב זיך פשוט נישט געקענט מיטפרייען, און אפילו נישט געהעריג בעטן אויף דעם.

ווען ס'איז געקומען נענטער האב איך איבער געגעבן די "שווארצע" ארבעט - פון דערציילן פאר די נאנטע - פאר מיין מאן, אז כאטש די שוועריקייט זאל איך נישט דארפן אריבערגיין.

עס האט זיך דערנענטערט ראש השנה, ב"ה אז איך האב יא אלעס צוגעגרייט וואס מען האט געדארפט, אבער אלעס איז געווען באגלייט מיט געמישטע געפילן...

און וואונדער איבער וואנדער, אין די מינוט וואס זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג, מען האט געבראכן די זאך, האט מיר פשוט אנגעכאפט א נייע גייסט, איך בין געווארן א אנדער מענטש, אלע מניעות האט זיך אויסגעלאזט אזוי ווי א זייפן בלאז.. ממש נישט צום גלייבן..

ב"ה אין אומאן האט דער ר"י געוואונטשן פאר מיין מאן "א יאר אן קיין מניעות" און אזוי איז עס טאקע, אפילו איך באקום אסאך "צוקערלעך" (ליין - מניעות..). דא א ווארט פון דעם, און דא א באמערקונג פון א צווייטן, גייט אלעס אריין אין איין אויער און ארויס פון די צווייטע, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

נאכאמאל א גרויסן ישר כח פאר אייער עבודת הקודש.

**מ. י. ארץ ישראל**

## מניעות אין קאפ

איך וויל איבערגעבן א גרויסן שכח פאר די פסח בלעטל, וואס מען זעט איז אריין אסאך כוחות אין יעדע אפטיילונג.

אבער דא וויל איך ארויסברענגען א עקסטערן דאנק פאר די הערליכע באשרייבונג פון יציאת מצרים 2025 ווי די פרויען האבן אראפגעלייגט זייער סיפור התקרבות - אדער אין אידיש גערעדט, ווי אזוי זיי זענען אריבער אלע מניעות און שוועריגקייטן, צו בלייבן מיט זייער מאן אויף די וועג - וואס דער רבי האט געזאגט - פירט צוריק צו די אלטע וועג, אפילו עס האט זיי אויסגעזען אזוי פרעמד.

עס האט זיך אויפגעוועקט אין מיר א מורא'דיגע פרישקייט און שעצונג פאר די אלע פרויען, פיל פון דעם קען איך פערזענליך, און עס האט זיך נישט געקענט גלייבן, ווי ס'איז דא פרויען אין

די היינטיגע דור, וואס לעבן מיט אזא מסירות נפש נאכצוגיין זייערע מענער, וואס זענען זוכה מקורב צו ווערן צו א צדיק אמת, וואס טראגט אונז אויף די אמת'ע וועג, צו ווערן נאנט צו דער אייבערשטער.

אויך האב איך געשפירט אז מען קען טאקע קיינמאל א צווייטן נישט פארשטיין, ווייל יעדער איינער האט זיך זייער אייגענע 'דשערני', זייער אייגענע וועג, ביז מען איז זוכה צו לעבן מיט דער הייליגער רבי'ס עצות.

אז מען ליינט ווי פרויען זענען געקראכן אויף גראדע ווענט אנצוקומען וואו זיי שטייען יעצט, בלייבט איבער נאר צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די נס וואו איך שטיי היינט אן דארפן דורך גיין די אלע שווערע מניעות - וואס מען רופט עס אן פונדרויסן - געווארן אויפגעוואקסן אויפן גאלדענעם בארג, ווי מען רופט עס.

קומט אבער פון די אנדערע זייט א עקסטערע מניעה - וואס דער רבי רעדט שוין פון דעם, וואס איז נאך א שווערערע מניעה ווי מניעות פון דרויסן, ווי מניעות פון משפחה, און פון די גאס; ווען דער שטן נעמט זיך אויף מניעות פון דעם מענטש אליין, פון די מח, איז עס פיל שווערער, און פיל הארבער.

איך גיי נישט מעסטן, אבער דאנק דעם אייבערשטן אויף דיינע מניעות וואס דו מאכסט דורך צו קענען בלייבן אין היכל הקודש, מיט דעם הייליגן רבינ'ס עצות, מיט די פיל חיזוק וואס דער ראש ישיבה שליט"א געבט אונז אנצוגיין אין אונזער לעבן.

ווייל עס וועט אלעמאל זיין מניעות, דאס איז וואס דער שטן האט זיך א עצה געגעבן ווען דער רבי'ס נשמה האט געדארפט אראפקומען, מען וועט אלעמאל שפעטן און חוזק מאכן פון ברסלב, און אונזער עצה איז: שטענדיג געדענקען צו דאנקן דעם אייבערשטן אז ער האט אונז אנדעקט און אנטפלעקט אזא גרויסן אור, וואס איז א סוד וואס בלייבט סוד.

מיר דארפן נאר בעטן דעם אייבערשטן מען זאל אלעמאל קענען לעבן מיט די עצות, קיינמאל נישט פארלירן די געפיל, און בלייבן וויסן פון די לעכטיג סוד.

שכח פאר די שווערע שיינע ארבעט.

**ב. פ. מאנסי**

# די בלעטל האט אלעס אין זיך

שוין זייער א לאנגע צייט, יעדע וואך טראכט איך ווען גיי איך האבן די געלעגנהייט צו קענען זאגן א שכח פאר די שטעטל בלעטל. אויסער וואס מען ליינט און יעדער אין משפחה האט הנאה פון עס און עס איז א עונג שבת, אבער חוץ פון דעם איז דאס זייער א גוטע מתנה.

אמאל פלעג איך זייער וועלן וויסן אסאך זאכן, ווי למשל דעם לעבנ'ס געשיכטע פון הייליגן רבי'ן, א מעשה פון א צדיק, און עצתו אמונה - א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א, שיחות חברים און אביסל ספר המידות, וכו' וכו', איך פלעג יעדן טאג דארפן עפענען אביסל דא אביסל דארט און ארייננקוקן אין אלע ספרים פון הייליגן רבי'ן כדי צו קענען מיטהאלטן אביסל.

ווען עס איז ארויסגעקומען די שטעטל בלעטל האב איך געטראכט, מען שטעלט מיר דא אלעס צו אויף א גאלדענעם טעצל, אלעס וואס מען דארף וויסן און מען וויל וויסן קומט אן אין איין בלעטל, אין איין מאגאזין און עס קאווערט אלעס. עס האט פון יעדע זאך אביסל און עס האט אויך פאר די קינדער, בקיצור פון אלע זייטן.

איז אמת'דיג א גרויסן יישר כח, מיר זענען זיך זייער שטארק מחיה, עס איז ממש א חידוש, א שיינע מתנה פאר אונז, ין, עס ווערט שענער און גרעסער און גרעסער.

אזוי אויך שבת הגדול האבן מיר ארויסגענומען א אלטע בלעטל וואס איז ארויס געקומען די ערשטע יאר, עס איז געווען נאר איין בלעטל, דערפאר האט עס געהייסן 'בלעטל', איין ווייסע בלעטל, און ווי שיין עס האט זיך פארברייטערט, אזוי פראפעשענל, עס איז דא אלעס סיי פאר פרויען און סיי פאר קינדער.

א גרויסן יישר כח.

**משפחת פריעדריך - קרית ברסלב**

# היכל הקודש
# נייעס



מאנסי

אין ספרינג וואלי פונקציאנירט דער הערליכער בית המדרש היכל הקודש אויף 37 יוניאן רד. שוין פאר אפאר יאר צום גוטן, ווי אנשי שלומינו און פילע שכנים האבן א געשמאקע הייליגע ווינקל ווי מען פילעוועט אמונה, מען דערמאנט זיך כסדר פארוואס מען דרייט זיך דא אויף דער וועלט, און מען איז זיך מחזק צוריק צו קומען צום אייבערשטן, און אים צו טרעפן אין יעדע זאך וואס מען טוט.

אין די טעג האט מו"ה הערשל זאבעל הי"ו אונטערגענומען א גרויסע רענאוואציע פראיעקט פאר'ן שול וואס איז שוין געווען זייער אפגענוצט, און מיט די הסכמה פונעם ראש ישיבה שליט"א טוט מען אין די טעג גענצליך איבערפרישן דעם שול. מען מאכט איבער די גאנצע שיטראק, די גאנצע פלאר, און דערנאך וועט מען עס בעז"ה הערליך איבערפעינטן, עס זאל זיין שיין און פרעכטיג כראוי וכיאות לכבוד השם יתברך און לכבוד זיין בית המקדש מעט

פארגאנגענעם ליל שישי פרשת תזריע מצורע האבן אנשי שלומינו אין מאנסי און די אומגעגענט אויפגענומען די גוטע בשורה אז דער ראש ישיבה וועט ספעציעל קומען פראווען די סיום אויף מסכת מכות וואס מ'האט אין די טעג מסיים געווען, אין די ראמען פונעם דף הקהילה, ספעציעל צו מחזק זיין די ארטיגע איינוואוינער, וואס דאס איז אויך געווען צוזאמען מיטן יארצייט סעודה פון הייליגן צדיק רבי ישעי'לע זי"ע פון קערעסטיר.

מען האט געהאט די זכי' צו הערן א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט איבערלאזט א געוואלדיגע רושם אויף אלע צוהערער.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די מחלוקת וואס איז דא אויף צדיקים, אויך רבי ישעי'לע איז געווען מחלוקת, מען איז ארומגעגאנגען צו צדיקים אין זיין צייט, צו בארעדן רבי ישעי'לע. דאס איז די פון די זאכן וואס מען רעדט נישט דערפון היינט, אבער איז וויכטיג צו וויסן, בפרט פאר ברסלב'ע חסידים וואס גייען דורך שוועריקייטן צוליב זייער התקרבות, אז דאס גייט דורך ביי יעדן איינעם ווען ער וויל קומען צו אן ערליכער איד, אז דער יצר הרע וועט דאס נישט אזוי גרינג צולאזן, ער וועט פרובירן צו ברענגען אלע סארט ליצנות.

דער רבי האט דאס שוין פאראויס געזאגט אז דאס איז די וועג וויאזוי דער ס"ם ארבעט, אבער דער מענטש דארף זיין שטארק און נישט ווערן דערשראקן דערפון, נאר ווייטער אנגיין, און זאגן משניות, גמרא, רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך.

אלע אנשי שלומינו האבן גענומען אן אקטיווע חלק אין צוגרייטן פאר די סעודה, בפרט האט די לעידיס אקזילערי גענומען אויף זיך די עיקר חלק אין די הכנות.

עס קומט זיך אויך א דאנק פאר מו"ה פייוול ראזענוואסער הי"ו פון "קרעיוו סאוער דאו" וואס האט מנדב געווען א שיינע חלק פון די סעודה.


מקומות הקדושים
שבת אין ליזענסק
מולדובה
אירופה
מוצאי שבת
אונגארן
שבת ביים רבי'ן
טערקיי
טשאָרטקאָוו
רבי, מיר קומען!
פריילינכע מעלדונג:
מ'קען שוין מאכן פעימענטס פאר די נסיעה קיין **אומאן ראש השנה!** רופט שוין און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע וועג לויט אייער באקוועמליכקייט און בודשעט.
אייער פריינט, אלי קנאלל - משולם פינטער
נסיעה
טראוועל
845.444.TRVL
8785
TICKETS
TRIPS
TRAVEL ITINERARIES
VACATION PACKAGES
CAR RENTALS
HOTELS
*sruliHeskel



# וועלטליכע נייעס

אברהם ה. וועבערמאן



## די האוטי רעבעלן פון תימן שיסן מיסל צום לוד לופטפעלד

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז געלונגען צום ערשטן מאל פאר די האוטי רעבעלן פון תימן צו שיסן א לאנג שטרעקיגע מיסל דירעקט צום לוד לופטפעלד אין תל אביב, א פאקט וואס האט געברענגט צו אסאך אפרופן פון אויסלענדישע עירליינס, צווישן די ציילט זיך לופטהאנזא, סוויס, ברוסל, אמעריקאן, יונייטעד, ניפּאָן, בריטיש, עיר פרענס, עיר קאנאדא, און א צאל אנדערע.

שפעטער האבן די האוטי רעבעלן פון תימן ארויס מיט א ווארענונג פאר עירליינס אז די לוד לופטפעלד איז מער נישט פארזיכערט און מענטשען זאלן זיין געווארענט. א הויער ראנגיקע מיטגליד פון די גרופע, האט געסטראשעט, אז אטאקעס אויף מדינת ישראל וועלן ווערן מער און מער אויב די מלחמה אין עזה האלט אן. ער זאגט אז די רעבעלן האבן געוויזן אז זיי קענען איבערקומען אמעריקא, ענגלאנד און מדינת ישראל, און מען דארף וויסן אז זיי האבן נישט קיין שום רויטע ליניעס ווען עס קומט צום קאנפליקט מיט מדינת ישראל.

די האוטי רעבעלן האבן שוין אסאך מאל פרובירט דאס צו טון אבער עס איז אדורכגעפאלן, יעצט אבער האט דער אייבערשטער געפירט אז דאס איז זיי געלונגען, נאכדעם וואס די לופט פארטיידעגונגס סיסטעמס האט אויפגעכאפט די מיסל און עס פראבירט אראפ צו שיסן, אבער עס איז דורכגעפאלן, דאן האט די אמעריקאנער 'טאַד' לופט פארטיידעגונגס סיסטעם עס פראבירט אראפ צו שיסן, אבער די סיסטעם איז אויך דורכגעפאלן.

ברוך השם אז קיינער איז נישט געשעדיגט געווארן, און עס איז נישט אריין אינעם בנין אליין, נאר דערנעבן.

און דאס איז שוין נאך אסאך אטאקעס וואס אמעריקע זעלבסט האלט אין איין שיסן אויף צילן פון די האוטי רעבעלן אין תימן, אויסגעבענדיג מער ווי ביליאן, יא מיט א ב' זיי חרוב צו מאכן, אבער אן ערפאלג, זיי שיסן ווייטער, און פרובירן אנצוזייען חרבנות וויפיל עס גייט נאר. אמעריקע האט שוין ביז היינט געשאסן אויף מער ווי 800 פלעצער אין תימן. די מיליטער זאגט אז די באמבארדירונגען האבן באטראפן מערערע קאמאנד און קאנטראל איינריכטונגען, לופט דעפענס סיסטעמען, פארגעשריטענע וואפנס פאבריקן און פארגעשריטענע וואפנס סטארעדזשעס וואס די הוטיס האבן אפערירט.

עס איז נאכאמאל אויפגעוויזן געווארן אז די כוחי ועוצם ידי מיט וואס די ציונים שטאלצירן, איז גארנישט ווערד, די שוואכע צוריקגעבליבענע רעבעלן קענען באווייזן צו שיסן א מיסל ביזן לופטפעלד, און גארנישט אינדערמיטן קען זיי שטערן. אלע האבן געמוזט מודה זיין אז נאר דער אייבערשטער קען אונז היטן פון אלעם בייזן, און נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן ווען מען וויל גערעטעוועט ווערן פון א צרה. אונז אליין טויגן אויף גארנישט, אבער ווען מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אינעם בילד, ווערט אלעס מסודר.

לאמיר טאקע נישט ווארטן עס זאל ווערן צרות און דעמאלט איינזען אז נאר דער אייבערשטער קען העלפן, לאמיר שוין לויפן צום אייבערשטן, רעדן צו אים ווען עס גייט גוט.

אויך איז וויכטיג צו אנמערקן די שטארקייט פון רצון, די הוטיס האבן געהאלטן פאר זייער אויגן א ציל אנצוקומען צו שיסן דירעקט צום לופטפעלד, און גאר אסאך מאל האט מען עס אראפגעשאסן, אבער יעצט איז זיי עס געלונגען, דאס ווייזט וואס עס מיינט אז מען האט די רצון קומט מען אן, אז איך וועל זיין שטארק מיט מיינע גוטע רצונות, וועל איך סוף כל סוף אנקומען אהין, מען דארף זען אויפצובויען די גוטע רצונות, און בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, וועסטו אנקומען גאר ווייט.

**דער אייבערשטער היט אונז**

בס"ד

כולל היכל הקודש

# אשריכם מחזיקי תורה

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

הר"ר
## ישראל פוקס
הי"ו

הר"ר
## ברוך יאקאבאוויטש
הי"ו

פרנס חודש אייר

און די חשוב'ע נדבנים פון שנת תשפ"ד

**פרנס חודש ניסן:** הר"ר **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, הר"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש אייר:** הר"ר **אהרן קליטניק** הי"ו, הר"ר **יעקב פיש** הי"ו
**פרנס חודש סיון:** הר"ר **בניהו אונגאר** הי"ו, הר"ר **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש תמוז:** הר"ר **משה בראדי** הי"ו, הר"ר **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש אב:** הר"ר **אליהו ציג** הי"ו, הר"ר **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו
**פרנס חודש אלול:** הר"ר **יואל טייטלבוים** שליט"א, הר"ר **יואל הכהן ראזנבערג** הי"ו

און די חשוב'ע נדבנים פון שנת תשפ"ה

**פרנס חודש תשרי:** הר"ר **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, הר"ר **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש חשון:** הר"ר **מרדכי היימליך** הי"ו, הר"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
**פרנס חודש כסלו:** הר"ר **ישראל דוד העסקעל** הי"ו, הר"ר **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו
**פרנס חודש טבת:** הר"ר **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו, הר"ר **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו
**פרנס חודש שבט:** הר"ר **הערשי זאבעל** הי"ו, הר"ר **יוסף ברילל** הי"ו
**פרנס חודש אדר:** הר"ר **הלל ווייס** הי"ו, הר"ר **אייזיק ראטה** הי"ו
**פרנס חודש ניסן:** הר"ר **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, הר"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

*הנהלת הכולל*



זכות מהדורה

נמכר

$5000

מוה"ר
**אשר לעמיל זוסמאן**
הי"ו

**חלק ב'**

# זכות פרק - $1000

| | |
|---|---|
| פרק א' — נמכר<br>מוה"ר **אשר יעקב בלום** הי"ו | פרק ב' — נמכר<br>מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו |
| פרק ג'<br>מוה"ר **משה ראזענבערג** הי"ו | פרק ד'<br>מוה"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו |
| פרק ה'<br>מוה"ר **נפתלי הערש פארקאש** הי"ו | פרק ו' |
| פרק ז' | פרק ח' |
| פרק ט' | פרק י' |
| פרק י"א | פרק י"ב |
| פרק י"ג | פרק י"ד |
| פרק ט"ו | |




זכות
פרק
$1000

זכות
$500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

פארבינדט אייך
היינט מיטן גבאי
**מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

347
578
4449

*sruliHeskel

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com




# דער פארלוירענער משנה אין מסכת כלאים פרק ז׳

## שאלה

**איך לערן ברוך השם משניות כסדר אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א איז כסדר מעורר, יעדעס מאל וואס איך קום אן צו מסכת כלאים פרק ז׳ וואונדער איך מיר וואס גייט פאר מיט די פערטע און פינפטע משנה. פארוואס שטייט ביים פערטן משנה ד׳-ה׳, און דער פינפטער משנה הייסט ו׳, וואס האט פאסירט אז עס פעלט אויס איין משנה. וואו איז איין משנה פארלוירן געווארן, אדער פארוואס גייען די צוויי משניות אינאיינעם?**

## ענטפער

א יישר כח פאר דיין אינטערעסאנטע שאלה. האסט גוט באמערקט, אין משניות מסכת כלאים איז נישטא קיין באזונדערע משנה ד און ה, נאר זיי ווערן אין רוב דפוסים גערעכנט צוזאמען אלס "ד-ה", און דערנאך גייט די פרק ווייטער צו משנה ו, ז, און ח. דאס איז נישט קיין טעות אדער פארלוירענע משנה.

איך וויל אבער באטאנען, אז עס זענען דא פארשידענע דרוקן וואס צוטיילן עס יא אין צוויי באזונדערע משנות, משנה ד׳ איז די ערשטע האלב "הַמְסַכֵּךְ אֶת גַּפְנוֹ עַל גַּבֵּי תְבוּאָתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ, הֲרֵי זֶה קִדֵּשׁ, וְחַיָּב בְּאַחֲרָיוּתוֹ. רַבִּי יוֹסֵי וְרַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמְרִים, אֵין אָדָם מְקַדֵּשׁ דָּבָר שֶׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ," און משנה ה׳ איז די צווייטע האלב "אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁזָּרַע אֶת כַּרְמוֹ בַּשְּׁבִיעִית, וּבָא מַעֲשֶׂה לִפְנֵי רַבִּי עֲקִיבָא, וְאָמַר, אֵין אָדָם מְקַדֵּשׁ דָּבָר שֶׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ,".

פאר איך גיי ווייטער וויל איך דיר פרעגן "דו זאגסט, אדער דו לערנסט?...", ווייל אויב דו מוזט דו אלעס פארשטיין איז א גרויסע שאד, ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט אז זאגן הייסט געלערנט, און זייער אסאך אידן האבן צום סוף געוועלט אפגעלאזט די הייליגע זיסע תורה, ווייל זיי האבן זיך צופיל מאל אנגעשטויסן אין זאכן וואס זיי האבן נישט פארשטאנען, און מיינענדיג אז נאר פארשטיין הייסט לערנען, האבן זיי אפגעמאכט אז די תורה איז נישט פאר זיי. און פון די אנדערע זייט זענען מיר עדות צו אומצאליגע אידן וואס האבן אנגענומען דעם הייליגן רבינ'ס סדר דרך הלימוד און זענען דורכדעם געווארן צוגעקלעבט צו די תורה, זיי האבן אנגעהויבן שפירן די זיסקייט פון די תורה, און זענען געווארן גרויסע מתמידים און תלמידי חכמים.

ווי עס זעט מיר אויס ווער רבינו הקדוש האט מסדר געווען די משניות, האט ער עס איינגעטיילט אין מסכתות, אין פרקים, און אין הלכות, די פרקים האבן נישט געהאט קיין ציפערן, נאר מען האט עס גערופן אויפן נאמען פון די ערשטע ווערטער פונעם פרק, ווי מען זעט כסדר אין די ראשונים ווען זיי ברענגען צו א משנה שרייבן זיי כדאיתא בפרק "שנים אוחזין", און דאס האלט נאך אן ביז היינט אין די גמרא זעט מען אויבן אויפן דף שטייט "יציאות השבת, פרק ראשון, שבת", וואס דאס איז נאך געבליבן פון די צייטן ווען מען פלעגט נישט רופן דעם פרק "פרק ראשון פון מסכת שבת" נאר "יציאות השבת". אויך איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז אין מסכת שבת איז דא דריי פרקים וואס הייבן זיך אן מיט די ווערטער "רבי אליעזר אומר", פרק י"ג, וואס הייסט "האורג", פרק י"ט וואס הייסט "רבי אליעזר דמילה", און פרק כ׳ וואס הייסט "תולין".

די נומערן פון די פרקים און די נומערן פון די משנות זענען געמאכט געווארן אסאך שפעטער דורך די דרוקערס, וואס האבן געוואלט אז עס זאל זיין מער מסודר און גרינגער צו אנצייכענען מראי מקומות, און ביי אונזער פרק ז׳ אין מסכת כלאים איז געווען צוויי אנדערע גרסאות ביי פארשידענע דרוקערס, טייל האבן עס גערעכנט ווי איין משנה, און טייל האבן עס צוטיילט אויף צוויי, מיט די צייט האט עס אנגעמאכט א צימישעניש, האבן די שפעטערע דרוקערס זעט אויס באשלאסן עס צוזאם צו שמעלצן, אבער האבן געמאכט א פשרה, און צוגעצייכנט "ד-ה", ווי צו זאגן אז עס זענען דא וואס רעכענען דאס פאר צוויי באזונדערע משניות.

**אין כל הגליות הללו מתכנשות אלא בזכות משניות**

# מעשיות פון תפילה



## בערל שניטצלער

קרית ברסלב

א פאליציאנט האט מיר אפגעשטעלט, ער האט גענומען מיין לייסענס און רעגעסטראציע און ארײן אין זיין פאליס קאר. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל נישט צוריק קומען מיט קיין טיקעט, כאטש וואס געווענליך געבן זיי יא א טיקעט ווען זיי שטעלן אפ איינעם. און דאס וואונדערליכע האט טאקע פאסירט, ער קומט צוריק, און דערלאנגט מיר מיין לייסענס און גייט זיך צוריק ארײן אין זיי קאר ווי גארנישט וואלט געווען. שכח אייבערשטער!

## שלמה רוטה

קרית ברסלב

איין טאג דערזע איך אז מיינע מיסט קאסטענעס פון אינדרויסן זענען נישט דא, זעט אויס איינער האט עס גע'גנב'עט פון מיר. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס צוריק באקומען, אויך האב איך צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אינעם בלעטל, שכח אייבערשטער א טאג נאכדעם האט עס דער יעניגער צוריק געברענגט צו מיר.

## רעדקליף משפחות

קרית ברסלב

שביעי של פסח האט זיך די לעקטע אויסגעשאלטערעט אין שטעטל, די משפחות פון רעדקליף - גאס האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אנצינדן די לעקטער, מען האט געזאגט אז מיר גייען אם ירצה ה' אריינשיקן א מעשה פון תפילה צו די בלעטל אז די רעדקליף רעזעדינץ האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן.

נאכדעם האבן מיר אנגעהויבן צו דאנקען דעם אייבערשטן, און אינמיטן דאנקען דעם אייבערשטן האט זיך די לעקטער צוריק אנגעצינדן.

שכח אייבערשטער.

בס"ד

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **יעקב שאול פיש** הי"ו

מו"ה **אברהם אליהו זעלקוויטש** הי"ו

מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו

פארן מנדב זיין

# פרנס החודש אייר

די זכות פון ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבי'ן'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט
פיל סייעתא דשמיא.

שטיצט אונזערע שטיצער:


MC TOURS
א געשמאקע נסיעה צום רבי'ן
צוזאמען מיט אנ"ש...

SHOWROOM
FINE JUDAICA


*sruliHeskel

אלעס אין אײערע הענט

# דער מלמד ר' מענדל האט א גאנצע סיסטעם פון בלויע מיט רויטע טיקעטס אז די קינדער זאלן ליב האבן חדר



## דער מלמד ר' מענדל האט א שיעור אינעם ספר ותחיין את הילדים

חלק ב'




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי
מו"ה לייבי ראטה הי"ו

347 578 4449

*sruliHeskel




# וָואס מֵיינְט פֶּסַח שֵׁנִי פַאר מִיר?



## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער פֶּסַח שֵׁנִי.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי קֶבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז הַיינְט פֶּסַח שֵׁנִי אִיז דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא צוּ פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר. עֶס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז אַ פְּלַאץ צוּ פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, סִימָן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵלְ'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ יְשׁוּעָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן אוּנְזֶער בֵּית פֵיגָא אִין טְבֶרְיָה, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה, דִי מְלַמְדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס זֶענֶען אַזוֹי הַארְצִיג צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - מִיט אַזוֹיפִיל הַארְץ, מִיט אַזוֹיפִיל סַבְלָנוּת. אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ אַז עֶס בּוֹיעֶן זִיךְ תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס מִיט בֵּית פֵיגָא'ס, צוּבִּיסְלִיךְ, אִין אַלֶע שְׁטֶעט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף אַ פְרִישֶׁע דוֹר גֶעטְרֵייעֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע אוֹפָן, מֶען צֶעדְרֵייט נִישְׁט דִי נֶפֶשׁ זֵייעֶרֶע, מֶען לֶערְנְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט גֶעפִיל, מִיט סַבְלָנוּת.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אוּנְזֶער שׁוּל אִין טְבֶרְיָה, גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הִתְחַזְּקוּת אוּן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, מֶען זֶעט יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט נָאךְ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יוּגְנְט בִּבְחִינַת 'אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם', מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ רֵיינֶע יוּגְנְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם פֶּסַח רִאשׁוֹן, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אוֹיפְהֶער: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לָמָּה נִגָּרַע, פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין הֵיילִיג? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין דָּבוּק צוּ דִיר"** - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פֶּסַח שֵׁנִי.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גְלֵייבְּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "לְעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְבַל יִפֹּל הָאָדָם בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת רִבּוּי הַפְּגָמִים וְהַקִּלְקוּלִים שֶׁקִּלְקֵל עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו", וֶוען מֶען טְרַאכְט 'וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אַזוֹיפִיל גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן', "עָנָה וְאָמַר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אִין דֶעם אַז דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן - "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אִין דֶעם, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ, בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ פֶּסַח שֵׁנִי, בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר נָאךְ אַ שַׁאנְס (גֶעלֶעגֶנְהֵייט), בֶּעט זִיךְ אוֹיס, שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין הֵיילִיג, 'אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם', אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין דִי טוּמְאָה, 'לָמָּה נִגָּרַע', פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק" - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ 'עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה מַה יְצַוֶּה ה' לָכֶם', וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

*עזתו אמונה פרשת בהר תשפ"ד*

# געדאנקען

## די געדעמיטשטע שטיקל אין די זייט

אשיינע הערליכע יום טוב אין שטעטל געוועזן ברוך השם. שיינע הערליכע שמועסן מיטן ראש ישיבה שליט"א געווען, מלא וגדוש, מ'קען זיך אזוי סאך לערנען פאר'ן פראקטישן טאג טעגליכן לעבן.

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה צו ער זאל זיך אנשטרענגען צו גיין באקן ערב פסח מצות, ווייל אפשר ווערט ער באקומען הארטע אדער צווייטקלאסיגע מצות, האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "דיין גאנצע אידישקייט איז צו פארדאנקען אז דיינע זיידעס זענען געגאנגען באקן ערב פסח מצות, דו קוקסט אויף הארטע מצות? ווייכע מצות? מ'טוט וואס שטייט אין שולחן ערוך, מ'פירט זיך ווי א פשוט'ער איד, מ'זוכט נישט וואו צו CUT'ן קארנערס. אודאי על פי הלכה איז עס נישט קיין עיכוב, אבער אז מ'וויל אידישע דורות דארף מען זיך פירן בפשיטות אן חכמות".

דער ראש ישיבה האט געזאגט לגבי די עקסטענשן וואס מ'בויט ביי די שול אויף האשקי, אז מ'קען זיך שפארן צוויי הונדערט טויזנט דאלער אויפ'ן בויען אויב מ'ארבעט חול המועד, גראדע איז עס געווען א מדובר פון א אופן וואס איז דא היתרים להלכה, אבער דער ראש ישיבה האט עס דאך נישט געמאכט, צו ווייזן אז ס'איז דא זאכן וואס מ'גייט נישט אלץ אויפ'ן וועג פון זוכן א היתר.



חול המועד האב איך געהערט ווי דער ראש ישיבה זאגט פאר מו"ה שמואל אייכנשטיין נ"י כ'האב באקומען גוטע גריסן אז דו האסט גוט גערעדט אין בארא פארק.

מ'האט מכבד געווען ר' שמואל צו רעדן אין בארא פארק מיטל נאכט יום טוב, מ'האט געשמועסט אז ער האט גערעדט פראקטיש און נוצליך, די נקודה וואס ער האט בארירט איז געווען בערך אזוי, ער האט געזאגט אז אנשטאט איך זאל ענק זאגן אז שלום בית איז א וויכטיגע זאך, ענדערש וועל איך רעדן פון די נושא אז לעבן מיט א מורה דרך און הערן די דרשות און לערנען עצתו אמונה איז א וויכטיגע זאך, ווער עס לעבט מיט א מורה דרך וועט שוין האבן שלום בית אויך און א זיסע לעבן אויך, און אלעס אין לעבן וועט אים גיין גרינגער. אויף דעם ארויף האט אים דער ראש ישיבה געזאגט מ'האט זייער הנאה געהאט פון דיינע ווערטער.

די דריי נעכט פון חול המועד (דינסטאג, מיטוואך, דאנערשטאג) איז געווען דריי העליכע סיום הש"ס'ן, יעדע פון די דריי נעכט איז געווען א סיום. דינסטאג נאכט איז געווען די סיום פון הבחור החשוב יוסף בריסק נ"י בן מו"ה יחזקאל נ"י. דער ראש ישיבה האט דערציילט אין די דרשה אז ווען ר' יחזקאל האט אריינגעלייגט זיין זון אין ישיבה האט ער געזאגט פארן ראש ישיבה "איך לייג דא מיין זון פאר איין סיבה, ער זאל הערן יעדן טאג א דרשה אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט".

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז דאס איז זייער א קלוגע וועג און דאס העלפט די קינדער. אנשטאט זאגן פאר'ן קינד איך לייג דיך דא אין ברסלב בלית ברירה, ווייל דו האסט נישט קיין אנדערע ישיבה, אבער איך ווארט בכליון עיניים ווען איך וועל נישט מוזן שיקן מיין זון אין ברסלב, דאס איז נישט א הצלחה'דיגע וועג, אנשטאט דעם זאגט א קלוגער מענטש פאר זיין זון, דו גייסט אין ברסלב'ע ישיבה וואס מ'וועט דיך דארט לערנען צו לעבן פאר'ן אייבערשטן אויך צען יאר נאכ'ן פארלאזן די כותלי הישיבה, דאס איז א סימן פון א פראקטישע באלעבאטישע שכל,

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אזוי רעדט א בר דעת. אזוי רעדט א ערנסטער מענטש וואס די עתיד פון זיינע קינדער און אייניקלעך איז אים וויכטיגער ווי לייגן דעם בחור אין א פלאץ וואו די "אימעדזש" איז וויכטיגער ווי זיך פירן ערליך ווען דער מנהל קוקט נישט.

דעם צווייטן טאג חול המועד, מיטוואך נאכט, איז געווען די סיום הש"ס פון מו"ה  יעקב משה אינדארסקי הי"ו, די דרייצנטע מאל ש"ס!

ער האט גערעדט הארציגע אויפריכטיגע דיבורים אז מיט די עצות פון רבי'ן קען מען בייקומען יעדע זאך. שטייטעלעך און צוביסעלעך ווערט מען א נייער מענטש, זאכן הייבן זיך אן רוקן. אז מ'זאגט גמרא ווערט די לעבן שענער און שענער, אז מ'געבט עס צייט זעט מען עס אפן אין טאג טעגליכע זאכן וואס מ'האט אמאל געמיינט איך וועל דאס נישט קענען באוויזן.

דעם דריטן טאג חול המועד, דאנערשטאג נאכט איז געווען די סיום פון הילד החשוב ארי' לייב פליישמאן נ"י בן מו"ה יואל משה הי"ו מלמד מומחה בתלמוד תורה אין קרית ברסלב.

ר' יואל משה נ"י האט אראפגעלייגט א מייסטערהאפטע דרשה, ברייט ארומגערעדט ווי ער איז אויפגעוואקסן מיט אמונת צדיקים, זיין טאטע מו"ה יוחנן שמחה בהר"ר שלמה גבריאל ז"ל פלעגט יעדן שבת מברכים פארן צום הייליגן ריבניצער רבי'ן זי"ע, און נאך שיינע זאכן.

> **ווען ר' יחזקאל האט ארייגעלייגט זיין זון אין ישיבה האט ער געזאגט פארן ראש ישיבה "איך לייג דא מיין זון פאר איין סיבה, ער זאל הערן יעדן טאג א דרשה אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט".**

שפעטער האט דער ראש ישיבה געגעבן די קביעות'דיגע דאנערשטאג נאכט דרשה, דער ראש ישיבה האט גערעדט צווישן אנדערן, וועגן די נושא וואס א ברסלב'ער מלמד אין א אנדערע תלמוד תורה זאל איבערגעבן פאר די קינדער פון דעם רבי'נס עצות, אז מוהרא"ש זי"ע האט גע'עצה'ט דעם ראש ישיבה ער זאל רעדן צו די קינדער פונעם דרך הלימוד אז מ'קען לערנען אן פארשטיין.

במשך דעם יום טוב האט דער ראש ישיבה מער ווי איינמאל דערמאנט וואס עס ווערט געברענגט פון הייליגן אר"י הקדוש זכותו יגן עלינו אז ווער ס'איז נזהר פון א משהו חמץ אום פסח וועט נישט זינדיגען, און די וועלט פרעגט ווי קען זיין אז מ'זינדיגט יא? מ'האט דאך אויסגערוימט דעם גאנצן חמץ?! ווי קען זיין א הוה אמינא אז מ'איז נכשל אין א משהו חמץ?! און מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז די הבטחה פון אר"י הקדוש גייט אויף די שמחה וואס מ'פריידט זיך מיט די מצוה, ווייל אז מ'עסט מצה און מ'טראכט אז אין הימל דארף מען מיך נישט, אדער אז מ'דאוונט שחרית און מ'טראכט אז ס'קען נישט זיין אז דער אייבערשטער דארף מיין שחרית, דאס איז א גרויסער חסרון, ווייל יעדע מצוה פון יעדן איד איז חשוב אין טייער אין הימל, מ'פריידט זיך אין הימל צו יעדע מצוה פון יעדן איד מער ווי די גרעסטע שמחה וואס א מענטש קען זיך פארשטעלן בזה העולם.

די זעלבע זאך פארקערט, די עיקר ווי אזוי דער יצר הרע האלט מלחמה מיט א מענטש איז דורך אוועק נעמען זיין שמחה, אים זאגן ער איז גארנישט, אים איבערצייגן אז ער איז איבעריג אויף די וועלט, סתם אראפגעפאלן דא אינמיטן דעם כדור העולם. אזוי ווי א פאבריק פון טישלעריי וואס פאבריצירט טויזנטער טישן און בענקלעך, און ס'ליגט דארט אין די זייט קליינע שטיקלעך האלץ, פון אומגעלונגענע געדעמיטשטע טישן, אזוי מיינט א מענטש ער איז די געדעמיטשטע שטיקל אין די זייט, דאס איז עצת היצר, דאס איז ליגנט, דאס איז דמיון, א מענטש איז א נשמה, א שטיק באשעפער אריינגעלייגט אין א שטיק פלייש, אראפגעקומען מיט א דעטאלירטע חשבון, מיט א ספעציפישע שליחות, מיט א חשוב'ן תפקיד אויסצופירן.

וואויל איז דעם וואס בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג "אייבערשטער העלף איך זאל אויספירן מיין תפקיד ווי עס דארף צו זיין, אייבערשטער העלף איך זאל זיך איבערגעבן אין דיינע הענט ווי א קליין קינד, און אויספירן דיין באפעל ווי א געטרייער קנעכט".



# שלום צווישן אידן

נפתלי הירצקא וואללנער



**בז איבער זיינע לעפצן שלעפט זיך ארום א אידל מיט הויפענע'ס ספרים און קונטרסים, באדעקט מיט א שיכט שניי ארומגענומען מיט בייזע ווינטן וואס דראען יעדע ליאדע מינוט צו מאכן פליען אלעס וואס שטייט זיי אין וועג. און זומער אין די גרויסע היצן וואס נעמט איבער דעם גאנצן מענטש פון קאפ ביז פיס.**

**ווייט ווייט פון אונזער היימישע קרעמל, אין די ווייטע קאנאדע גייט אונזער היינטיגער גאסט מו"ה שלום אלי' אינדיג הי"ו מיט א געוואלדיגע געשמאק, צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס לעכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט, נישט קוקנדיג אויף וואס די וועטער איז אינדרויסן.**

**א צייט צוריק נאכן שיעור ליל שישי פונעם ראש ישיבה שליט"א, איז ר' שלום אלי' צוגעקומען און זיך אפגערעדט אז ער איז מפיץ דעם פאפולערן 'קרית ברסלב בלעטל' – פאר די אידיש רעדענדע אין מאנטריאל, און אין קרית טאהש – און זייט עס איז מער נישטא קיין אינטערוויוס אין די בלעטל, פעלט חומר, און דער עולם פארלאנגט עס.**

**האב איך אים געזאגט: "נו, אפשר ביזטו טאקע דער פאסיגער קאנדידאט פאר דעם?" ר' שלום אלי' נ"י האט טאקע מסכים געווען צום געשעפט, מיר האבן זיך אראפגעזעצט און אנגעהויבן איבערגיין זיין קאריערע.**

**ר' שלום אלי' מישט אויף פון זיינע זכרון קעמערלעך, און הייבט אן דערציילן...**

אין מיינע יוגנט יארן בין איך אויפגעוואקסן אין מאנסי. אלס בחור בין איך אריין לערנען אין די הייליגע טאהש'ער ישיבה, ביי הרה"ק מ'טאהש זי"ע וואו איך בין געווארן אדוק ומקושר באילנא דחיי, און זיך אסאך געווייקט אין זיינע הייליגע ספרים 'עבודת עבודה'. אויף אזוי ווייט אפילו אז איך האב מפיץ געווען דעם ספר 'עבודת עבודה' איבער אלע בתי מדרשים איבער גאנץ קאנאדע! די זאך פון הפצה האט זיך נישט אנגעהויבן יעצט...

שפעטער נאכן הסתלקות פון הרה"ק מ'טאהש זי"ע, יענעם ז"ך אב תשע"ה, בין איך געווארן מקושר צו יבלחט"א בנו ממלא מקומו וממשיך דרכו, כ"ק מרן אדמו"ר מ'טאהש שליט"א, אז אפילו היינט ווען איך האב די זכיה זיך צו פאררופן אלץ א ברסלב'ער, גיי איך נאך אסאך צום טאהש'ער רבי'ן שליט"א, און יעדע מאל עס קומט אויס צו זיין אין טאהש גיי איך אריין צום ציון הקדוש זיך שופך שיח זיין און אויסגיסן דאס הארץ, בזכות דעם צדיק וואס האט זיך מוסר נפש געווען אויפצושטעלן אידישקייט – וואס איז א תל תלפיות פאר גאנץ קאנאדע.

את חטאי אני מזכיר, פאר איך בין מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן, בין איך געווען זייער צוגעבינדן צו כל – ערליי מיני האטליינ'ס למיניהם, וואס קומען ארויס ווי שוועמלעך נאך א רעגן, ווען אין יענע יארן האט יעדער וואס האט געהאט בויך ווי געדארפט עפענען א האטליין, אדער רעדן אויף א האטליין, עס זאל אים פשוט לייכטער ווערן, ווען היינט עפנט מען א פאדקעסט, בין איך געליגן אין די בלאטע פון האטליינ'ס, ווי פונקט ווי ביי די יונים איז מען נישט מזכיר שם ה'.

ערגעצוואו האט א מפיץ אראפגעלאזט א ברסלב'ן קארטל און איך האב געמיינט אז דאס איז ככל ה'האטליינס וואס עפענען זיך יעדן טאג, זיי מעלדן יעדע רבי'שע נייעס פון היכל הקדוש במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואו דער ראש ישיבה פארט און ווער עס האט געלייגט תפילין ביים ראש ישיבה און אזוי ווייטער. למעשה קלינג איך אריין און איך הער מעלדונגען איבער שיעורים כסדרן, איבער פרישע שיעורים, איך האב אנגעהויבן אויסהערן איין שיעור נאכן צווייטן, וואס זאל איך דיר זאגן, עס האט מיר זייער געכאפט...

אזוי איז אדורך א לאנגע צייט וואס איך הער מיך צו צום ראש ישיבה שליט"א'ס שיעורים וואס רעדט אזוי געשמאק דירעקט צו מיר. אבער יעדע שטיק צייט האב איך פריש אריינגערופן און געטראכט אז אפשר יעצט האבן די ברסלב'ע שוין געטוישט זייער מהלך און מעלדן יא עפעס מער שוואנצונעס'דיגע נייעס'לעך.

אזוי ביני לביני האב איך אביסל געניסטערט אינעם האטליין. ביז איך בין אנגעקומען צו א שיעור וואס הייסט 'פארוואס האב איך געעפנט די ישיבה'. דער ראש ישיבה האט דארט ארום געדעט פייערדיגע דיבורים, דעם ריינעם ציל פון עפענען די ישיבה, אז בחורים זאל האבן א פלאץ צו לערנען אומגעשטערט, און דינען דעם אייבערשטן ווי דער רבי לערנט אונז, ווי מוהרא"ש האט עס איבערגעגעבן. די שיעור האט מיר עפעס זייער געכאפט.

שטייט א אינגערמאן אין די הויכע דרייסיגער יארן און האט אלעס אוועקגעגעבן. פארשעמט זיין נאמען, זיך אריינגעלייגט אין חובות, אלעס כדי אז בחורים זאלן וויסן אז דער אייבערשטער איז א גוטער, דער אייבערשטער זוכט נישט צו באשטראפן קיין מענטשן, דער אייבערשטער האט דיך נישט פיינט, קיין איין טאטע זוכט נישט צו שלעכט'ס טון פאר זיינע קינדער, טוב ה' לכל.

דיבורים וואס מען הערט נישט אין ערגעץ, ממש מחי'ה'דיגע דיבורים, אז יעדער קען זיך באנייען יעדע סקונדע פון פריש. עס האט אנגעהויבן צו טוישן מיין בליק אויפן לעבן...

צוביסלעך בין איך אראפ פון אלע האטליינ'ס, און אנגעהויבן אנקוקן די וועלט אינגאנצן אנדערש. ביז דא האב איך נישט געוואוסט פארוואס איך לעב, יעצט בין איך געוואויר געווארן אז עס איז דא א תכלית, עס איז דא א ציל, באלד גייט מען ליגן מיט די פיס צום טיר, און נאר תורה, תפילה און עבודת ה' דאס בלייבט.

איינע פון די זאכן וואס איז מיר געווען שווער צו הערן פון אנהייב איז געווען די דרך הלימוד, ווייל איך בין געווען א אינגערמאן אין כולל, איך האב אדורכגעלערנט מקצועות, ארויסגעהאט סוגיות, געשריבן בירורים און מסקנות. אבער אזוי ווי איך האב געמיינט אז איך מוז גרונטליך פארשטיין די סוגיא, האט געקענט אדורכגיין טעג וואס איך בין נאר געזיצן איבער איין מגן אברהם, און עס נישט פארשטאנען.

נאכן הערן דרשות איבערן דרך הלימוד האב איך זיך דערזען אז איך לערן טאקע נישט, איך מיין אז איך לערן, אבער באמת גייט דורך טעג וואס איך לערן נישט. די ערשטע זאך האב איך געמאכט א שיעור אין לימוד משניות – נאכן הערן פונעם ראש ישיבה אזויפיל איבער דעם געוואלדיגן חשיבות דערפון און אז מען מוז לערנען יעדן טאג – אבער אויך נאר מיט פארשטיין, די שיעור איז צוגעגאנגען מיט פארשטיין יעדן משנה, ווייל מיט מיינע חכמות קען



איך נישט זאגן, ווייל דער ראש ישיבה רעדט דאך צו שוואכע...

איין טאג איז מיין חברותא אין כולל נישט אנגעקומען, קען איך דאך נישט גיין ווייטער אין שולחן ערוך, האב איך גענומען א משניות און געלערנט עטליכע פרקים. נאכדעם האט איך געזען אז איך האב נאך צייט, האב איך אריינגערופן די האטליין און אויסגעהערט די לעצטע גמרא שיעור, עס איז געווען מנחות דף ס"ב. נאכן פארלערנען האט דער ראש ישיבה געזאגט: "שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו לערנען א דף גמרא אין צוויי און צוואנציג מינוט". איך בין ממש געווארן עלעקטעריזירט... עס איז גאנץ א שווערע מסכת, אבער איך האב עס גוט פארשטאנען. האב איך דאן אפגעמאכט אז פון היינט און ווייטער וועל איך יעדן טאג אויסהערן די גמרא שיעור און עס איבער'חזר'ן אפאר מאל. אזוי האב איך זוכה געווען צו ענדיגן מסכת מנחות פון דף ס"ב ביזן סוף מסכת.

פון דארט בין איך ווייטער געגאנגען צו מסכת חולין. בערך ווען מען האט געהאלטן ביי פרק אלו טרפות, בין איך אנגענומען געווארן אלס מלמד אין תלמוד תורה בקרית טאהש, איך האב געדארפט אויפשטיין גאנץ פרי און אריינפארן קיין קרית טאהש א וועג פון א האלבע שעה. איך האב אבער געהאט די הקדמה וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז אז א איד מוז לערנען יעדן טאג, האב איך מיך דאן געבראכן און אנגעהויבן 'זאגן' דעם בלאט יעדן טאג. זינט דאן האב איך ברוך השם נישט אויסגעלאזט קיין איין טאג אן תורה.

היינט ווען איך גיי הפצה, בפרט מיטן לעצטיגן קונטרס 'א וועג צו לערנען' פרעגן מיר מענטשן צו עס הייסט געזאגט צו ס'הייסט געלערנט. איך טענה נישט מיט קיינעם איך זאג זיי נאר אז א דאנק דעם דרך הלימוד - זייט יענעם ב' חשוון תשע"ט - האב איך נאכנישט אויסגעלאזט קיין טאג אן תורה! אלע מאכן צו די מויל, קיינער האט מיר נאכנישט געקענט זאגן אזא ענליכע זאך...

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז איינער וואס קומט קיין היכל הקודש, אויב נעמט ער אן די דרך הלימוד קען ער זיך האלטן אין היכל הקודש, עס קומען און גייען מענטשן יעדן טאג, נאר די וואס כאפן זיך שטארק אן אין דעם דרך הלימוד - זאגן

אסאך משניות זאגן אסאך גמרא - האלטן זיך אן, אז נישט דארף מען גרויס רחמים צו בלייבן.

און אפענע יד ה׳ האב איך געזען אז פונקט א יאר נאכדעם ב׳ חשון תש״פ, האט א מפיץ אנגעקלאפט צום ערשטן מאל אויף מיין טיר מו״ה ראובן בירנבוים הי״ו, ער האט מיר געגעבן א דיקע עצתו אמונה. איך האב אים אזוי באגלייט צו זיין קאר, האב איך דארט געטראפן המפיץ הגדול הרב ר׳ נתן יאקאבאוויטש שליט״א מיט זיין זון המפיץ מו״ה נחמן ישראל, איך בין געווארן אזוי פריילעך, איך האב ממש אנגעהויבן צו טאנצן פון גרויס פרייד...

צו מיין פרייד איז נישט געווען קיין גרעניץ ווען איך האב ברוך השם געענדיגט ש״ס, פון יענעם דף ס״ב אין מנחות ביזן סוף ש״ס. איך האב געהאט די זכי״ה זיך צו באטייליגן ביים גראנדיעזן מעמד סיום התחלת הש״ס, אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט״א.

## ווי אזוי זענט איר אנגעקומען צו דעם צו ווערן א מפיץ?

אויף קול ברסלב ביי די מעשיות פון הפצה האב איך אמאל געהערט פון מו״ה משה ארי׳ שניטצלער הי״ו מורא׳דיג א פייערדיגע שמועס, ער האט ארויסגעברענגט אז יעדער איד דארף אין אכט נעמען יעדן טאג צו טון עפעס פאר א צווייטן איד, עפעס טון פארן כלל. האב איך דאן אנגעהויבן צו שאפן קארטלעך, גליונות, און אנגעהויבן איבערלאזן פיס טריט דא דארט. איך האב אנגעהויבן איבערלאזן מעשיות פון הפצה אויפן האטליין. ביז עס איז אנגעקומען צו די אויערן פון מו״ה אהרן וועבערמאן הי״ו אז איך האב א געפיל אין הפצה, האט ער מיטגעשיקט מיט מו״ה יעקב משה אינדארסקי הי״ו - וואס איז דעמאלט געקומען קיין מאנטריאל צו א שמחה - א גאנצע אייער באקס מיט גליונות און קונטרסים. איך געדענק פון דעמאלט אז ר׳ יעקב משה האט מיר אויסגעלערנט ווי אזוי מען קנייטשט גליונות צו די זייט פון די שאלה, אזוי אז דער וואס טרעפט עס זאל גלייך קאנעקטן צו דעם, אזוי ווי אסאך מפיצים פירן זיך היינט.

## וואס האסטו געטון מיט די בושה, האסט זיך נישט געשעמט צו לייגן גליונות און ארומגיין הפצה?

איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך האב





זיך זייער געשעמט. טאקע וועגן דעם האב איך דאס געטון זייער באהאלטן, ווען איך וואלט ווען געוואוסט פון אנפאנג ווי ווייט עס גייט גיין, ווייס איך נישט צו איך וואלט זיך אריינגעלאזט אין דעם. נאכדערצו ווען מען האט מיר פארמאל ארויסגעווארפן פון מיין ארבעט לכבוד דעם.

### וואס האט דיר טאקע געגעבן די שטארקייט צו גיין הפצה, און אוועקלייגן די בושה אין זייט?

געווען איז דאס מיט קנאפע פינף יאר צוריק, ביי די קאראנע - פחד עפאכע, ווען דער עולם איז געווען אנגעהערט און אנגעליינט אז די וועלט גייט ארויסווארפן דאס מענטשהייט, און צוביסלעך צוביסלעך גייט מען שטארבן. עס איז אפילו ארומגעפארן א ווערטל דעמאלס, אז ווער עס שטארבט די לעצטע זאל פארמאכן די לעקטער... האב איך געשפירט אז עס איז ממש א שעת חירום עוסק צו זיין אין הפצה.

איך האב אנגעהויבן מיט ארייגלייגן אין יעדע פאסט קעסטל - פון אלע אידן איבער גאנץ קאנאדע - גליונות, קארטלעך, אזש אפילו מיט עטליכע יאר דערויף האבן מיר נאך אידן נאכגעשריגן און געשלעפט מיין בארד, אז ער ווארנט מיר מיט'ן לעבן איך זאל זיך נישט דערוואגן אריינצולייגן מער אין זיין פאסט קעסטל די ברסלב'ע זאכן.

אזוי איז עס אלס געווארן מער און מער, איך האב אנגעהויבן גיין אין מער געגנטער פון טיר צו טיר אן קיין שום בושה, ווייל איך טו א הייליגע פליכט, איך ראטעווע נשמות.

היינט הערט מען ליידער אזוי סאך ווי מענטשן נעמען זיך דאס לעבן, איך טראכט צו מיר ווען איך טרעף זיי ווען איין טאג פארדעם, און איך בין זיי מזכה מיט א קונטרס, א גליון, וואלט איך דאך זיי געקענט ראטעווען. נו, ווער זאגט אז איך טו נישט טאקע אזוי, קיינער גייט נישט קומען זאגן אז זיי האבן זיך אמאל געוואלט נעמען דאס לעבן; אבער איך זע דאך ווי מענטשן לעבן אויף די גליונות, ווייל איך זע דאך ביי מיר נאכן ליינען א גליון, אן עצתו אמונה, איך שפיר ממש פריש און מונטער, עס געבט מיר א חיות אין עבודת ה', קען עס זיכער העלפן אויך

"היינט הערט מען ליידער אזוי סאך ווי מענטשן נעמען זיך דאס לעבן, איך טראכט צו מיר ווען איך טרעף זיי ווען איין טאג פארדעם, און איך בין זיי מזכה מיט א קונטרס, א גליון, וואלט איך דאך זיי געקענט ראטעווען. נו, ווער זאגט אז איך טו נישט טאקע אזוי, קיינער גייט נישט קומען זאגן אז זיי האבן זיך אמאל געוואלט נעמען דאס לעבן..."

פאר אנדערע.

### ווי אזוי באקומסטו די ספרים ביזן קאלטן קאנאדע?

אנפאנג ווען מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו האט געזען אז איך האב א ווארעמקייט צו טון פאר א צווייטן איד, האט ער מיר ארויסגעשיקט א גרויסע אייער באקס פון קונטרסים אזוי ווי פריער פארציילט. היינט ווייס איך אז אזא באקס קען אפקאסטן אן ערך פון דריי הונדערט דאלער (אן די טעריפס...) האט ער מיר עס געגעבן ממש פאר בחינם. למעשה קומט מיר אן זייער שווער צו באקומען א באקס פון קרן הדפסה, ווייל עס קאסט זייער טייער עס צו שיקן דורך יו.פי.עס. איז רוב מאל ווען איינער פארט קיין מאנטריאל, קלינגט ער מיר אן פרעגן צו ער קען עפעס ברענגען פאר מיר. בערך צוואנציג אינגעלייט אין שטעטל האבן עלטערן אין קאנאדא, איז ווען זיי קומען באזוכן בעט איך זיי א טובה צו ברענגען סחורה פאר הפצה, וואס איז אגב א סגולה אדורכצוגיין די גרעניץ אן קיין שטרויכלונגען כידוע. און איך וויל טאקע בעטן אז ווען איינער פארט קיין קאנאדע זאל ער זיך ביטע פארבינדן מיט מיר און עס וועט זיין א גרויסע זכות.

### אויב איר קענט אונז אראפלייגן ווי אזוי די הפצה גייט צו דארט אין קאנאדע, וויפל געגנטער איז דא, און וואו גייסטו אלץ הפצה?

אין מאנטריאל אליינס דארט וואו איך וואוין איז דא פיר געגנטער, עס איז דא א ליובאוויטשער געגנט. נאכדעם איז דא א ליטווישע געגנט, און א ספרד'ישע געגנט. דאס איז אין מאנטריאל אליין; נאכדעם איז דא קרית טאהש, וואס דארט איז מיר געווען מיין גרעסטע מניעה און מיין מערסטע בושות, ביים גיין הפצה אין די עפנטליכקייט, ווייל איך בין דארט אויפגעוואקסן. עס איז מיר געווען אזוי שווער צו גיין צו מיינע חברים און ידידים. אבער אזוי ווי מיין ארבעט איז הפצה, און אין טאהש דארט געבט מען זייער שיין, ווי הרה"ק מ'טאהש איז געווען באקאנט מיט זיינע אויסטערלישע מידת החסד, און אויך נעמט מען זייער שיין. (וואס דאס איז דער שרייבער פון די שורה'ס עדות, גייענדיג דארטן הפצה. עס איז אויסגעגאנגען א גאנצע רעצל ספרים, און

בפרט די מעשה׳לעך פאר קינדער, וואס גיסט זיך ווי מצה וואסער).

נאכדעם איז דא נאך א שטאט, טאראנטא. אבער עס איז גאר ווייט, עס איז באלד זעקס שעה צו פארן, דארט קומען כסדר די מפיצים לבית יאקאבאוויטש וואס האבן דארט א זיידע. און אויך המפיץ מו״ה ראובן בירנבוים הי״ו און זיי זענען דארטן שטארק מפיץ פון צייט צו צייט.

## אויף וועלכע שפראכן קונטרסים ביסטו אלץ מפיץ?

לשון קודש, אידיש, ענגליש און פראנצויזיש, פון צייט צו צייט אויך רוסיש, ספאניש, אזוי אויך פארמאג איך קונטרסים אין אראביש, און טשייניס.

## וואו גייסטו אלץ הפצה?

בעיקר גיי איך מיד ליד, פון טיר צו טיר. איך גיי אויך אין כוללים, בתי מדרשים. איך לייג גליונות אין אלע שולן. ביי די ספרד׳שע געגנט דא אין מאנטריאל, גיי איך אויך אין שאפינג מאאל, ווייל כמעט אלע זענען דארט אידן, אפילו מען קען נישט אלס זען פון דרויסן. זיי האבן זייער ליב די ספרים, א גרויס חלק פארט דארט קיין אומאן אויף ראש השנה, און דער עולם נעמט זייער שיין.

## וועלכע ספרים ביסטו בעיקר מפיץ? און וועלכע גייט די מערסטע?

איך האב באקומען א געוואלדיגע ווארעמקייט צום ספר ארך אפים אין אידיש. איך האב באשטעלט ביים בית הדפוס צוויי הונדערט פופציג ארך אפים׳ס, זיי האבן נישט געהאט אין באזיץ, האבן זיי דאן געדארפט דרוקן פונדאסניי, האבן זיי שוין דאן געדרוקט פינף הונדערט שטיק - ס׳זאל זיין... למעשה האב איך אפגעמאכט אז איך נעם די גאנצע, און איך האב שוין ברוך השם מפיץ געווען אלע פינף הונדערט ארך אפים׳ס!!! ממש יעדע הויז אין טאהש והגלילות האט באקומען אן ארך אפים.

שפעטער אין יאר תשפ״ד האב איך גענומען א ציל צו מפיץ זיין טויזנט שטיק פון די קונטרס ׳זיך גט׳ן איז נישט די עצה׳, און איך האב עס געמאכט מיט א שמיץ אריבער! ׳א וועג צו לערנען׳ האב איך פארשפרייט העכער טויזנט די לעצטע צוויי יאר!






Rabbi Yoel Roth
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

יואל רוטה
ר״מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע״א

בעזרת ה׳ יתברך

יום ד׳ פרשת אחרי-ב׳, כ״ג ניסן, אסרו חג, ח׳ לעומר, שנת תשפ״ד לפרט קטן

**לכבוד שלום אלי׳ אינדיג נרו יאיר מאנטריאל, קאנאדא**

איך הער אז דו ביסט געפאלן און זיך צעבראכן דיין פוס, און מיט דיין קעסט און מיט די סקוטער לויפסטו ארום הפצה; ממש וואס די הייליגע חכמים זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק יא): ״וְשֶׁמָּא תֹּאמַר אוֹתָן שִׁבְעִים אֶלֶף שֶׁנֶּהֶרְגוּ בְּגִבְעַת בְּנֵי בִנְיָמִין מִפְּנֵי מַה נֶהֶרְגוּ״, פארוואס איז געשען די ביטערע גזירה אז זיבעציג טויזנט אידן זענען געשטארבן ביי די מעשה פון ׳פלגש בגבעה׳? ״הָיָה לָהֶן לְסַנְהֶדְרִין גְּדוֹלָה שֶׁהִנִּיחַ מֹשֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ וּפִנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר עִמָּהֶם שֶׁיִּקְשְׁרוּ חֲבָלִים שֶׁל בַּרְזֶל בְּמָתְנֵיהֶם״, די סנהדרין, די צדיקים - וואלטן זיך וועלן געדארפט ארומבינדן די פיס מיט אייזערנע שטריק, ״וְיַגְבִּיהוּ בִּגְדֵיהֶם לְמַעְלָה מֵאַרְכֻּבוֹתֵיהֶם״, און זיך אויפהייבן די שיינע לאנגע בעקיטשעס, ״וִיחַזְּרוּ בְּכָל עֲיָרוֹת יִשְׂרָאֵל״, און ארומגיין אין אלע שטעטלעך, ״יוֹם אֶחָד בְּבֵית קֵל״, איין טאג אין שטאט בית קל, ״יוֹם אֶחָד לְחֶבְרוֹן״, איין טאג אין שטאט חברון, ״יוֹם אֶחָד לִירוּשָׁלַיִם״, איין טאג אין ירושלים, ״וִילַמְּדוּ אֶת יִשְׂרָאֵל דֶּרֶךְ אֶרֶץ בַּשָּׁנָה בִּשְׁתַּיִם בְּשָׁלֹשׁ״, און אויסלערנען אידישע קינדער ווי צו לעבן מיטן אייבערשטן, און ביז א צוויי דריי יאר, ״כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁבָּרָא מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ״, אז דעם אייבערשטנ׳ס



## וואס געבט דיר למעשה די מאטיוואציע צו גיין הפצה טאג טעגלין?

ווען איך דערמאן זיך פון מיינע קרובים און ידידים און גוטע פריינד, און איך זיץ און איך טראכט ווי אזוי זיי וואלטן ווען אויסגעקוקט ווען זיי האבן ווען דעם רבינ׳ס לימודים, ווען זיי לערנען ווען עצתו אמונה, ווען זיי וואלט זיך מחי׳ה געווען מיט יעדע נקודה טובה, ווען זיי ווייסן ווען אז זיי קענען נאכאמאל אנהייבן פון ניי, און אז דער אייבערשטער דארף יא זיין עבודה, און אז עס לוינט זיך צו לעבן א גאנץ לעבן אבי צו טון איין פינטל אין עבודת ה׳ - ווען זיי וואלטן דאס ווען געוואסט ווי לעכטיג וואלט זיי געווען. דאס געבט מיר די דרייוו צו גיין הפצה, פארשפרייטן די גוטע לעבן וואס איך האב פאר נאך א איד!

## באקומט איר אמאל חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט״א פאר צו גיין הפצה?

יא אוודאי, איך האב שוין באקומען אסאך בריוון במשך די יארן, וואס דער ראש ישיבה שרייבט מיר שטארקע חיזוק צו ווייטער גיין הפצה, מחיה זיין מענטשן. איינמאל איז געווען ווען איך האב מיך צובראכן די פיס לא עלינו, איך האב דעמאלט געשריבן פארן ראש ישיבה אז איך גיי ווייטער הפצה מיטן צובראכענעם פיס, מיט א גיפס און א בייק פָאר איך ארום פארשפרייטן ספרים, דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט געשריבן זייער א שיינע בריוו (זעט די בריוו אינעם קעסטל).

## זענען דא נאך תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט״א אין די אומגעגענט? און אויב יא ווען קומט מען זיך צוזאם?

יעדע וואך דאנערשטאג נאכט איז דא א חבורה אין שטוב פון מוה״ר שמואל לייב פעלבערבוים הי״ו אין קרית טאהש, וואו מען קומט זיך צוזאם און מען רעדט פון רבי׳ן. אויך שפילט מען אויף די שיעור פונעם ראש ישיבה שליט״א. אזוי אויך איז דא דארט צו באקומען די וועכנטליכע גליונות, וואס איך פרינט ארויס און איך פארקויף עס ביים שיעור.

באזונדער איז דא פרויען שיעורים וואו מען נעמט זיך צוזאם נשות אנשי שלומינו, וואס דאס גייט שוין אן פאר זעקס יאר שכח אייבערשטער.

באמת א גרויסן שכח פאר דיין צייט, און פארן איבערגעבן אזעלכע שיינע אינפארמאציע, דער אייבערשטער זאל אייך ווייטער געבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי׳ן אין די גאנצע וועלט. ■

# א מעשה
# פון א צדיק



## פַאְרכַאפְּט אִין פַּאלַאץ

עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט נָאךְ פוּן יוּנְגֶערְהֵייט, אוּן זִיךְ גֶעהָאלְפְן סַיי וֶוען אִימֶער. וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶלְטֶער הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט צְוִוישְׁן זִיךְ אַ תְּקִיעַת כַּף אַז וֶוער עֶס גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען צוּם צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְצֵיילְן וִויאַזוֹי עֶס אִיז דוּרְךְ דִי וֶועג אַרוֹיף, אוּן וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אִין עוֹלָם הָאֱמֶת.

וַיְהִי הַיּוֹם, אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אָבֶער עֶס אִיז אַדוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם חַבֵר. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין חַבֵר אִין חָלוֹם אוּן דֶערְצֵיילְט אַזוֹי: "וִויסְן זָאלְסְטוּ עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּקוּמֶען, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ נְשָׁמָה אַרָאפְּצוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ תְּקִיעַת כַּף בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גֶעצְוִוינְגֶען צוּ קוּמֶען."

"לְמַעֲשֶׂה דִיר צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן אוּן דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פַאר אוֹיבְן אִין הִימְל טָאר אִיךְ נִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן, אַלֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט אוּן נִצְרָכִים, וָואס דָאס הָאט מִיר גֶעעֶפֶענְט אַלֶע טוֹיעֶרְן, וַוייל אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז מֶען זֵייעֶר מַחְשִׁיב אֵיינֶער וָואס טוּט צְדָקָה וְחֶסֶד פַאר אַ צְוֵוייטְן."

"אָבֶער אֵיין מַעֲשֶׂה מוּז אִין דִיר דֶערְצֵיילְן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטְעֶר לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ פַארְדִינֶען דְרֵיי הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, אוּן אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעהִיטְן. אִיךְ פְלֶעג קוֹיפְן מִיט דֶעם סְחוֹרָה אוּן גֶעמַאכְט רְוָוחִים, אָבֶער אַלְץ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי קֶרֶן פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת.

וַיְהִי הַיּוֹם בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג מִיט אַ בַּעַל עֲגָלָה צוּ מַאכְן מִסְחָר מִיט דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת כְּדֵי צוּ קֶענֶען קוֹיפְן סְחוֹרָה, אִינְמִיטְן וֶועג זָאגְט מִיר דֶער בַּעַל עֲגָלָה אַז עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן וַוייל דַארְף גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַארְן פֶערְד, בִּין אִיךְ אַרָאפּ פוּנֶעם וָואגְן אוּן גֶעגַאנְגֶען אַ שְׁפַּאצִיר. פְּלוּצְלִינְג זֶע אִיךְ פַאר מַיינֶע אוֹיגְן אַ הֶערְלִיכֶע פַּאלַאץ, בִּין אִיךְ אַרַיין זֶען פוּן דֶערְנָאנְט וִויאַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס. אִיךְ קוּם אַרַיין זֶע אִיךְ אַ צוּבְּרָאכֶענֶע אִידִישׁ מֵיידְל זִיצְן דָארְט, פְרֶעג אִיךְ אִיר: "וָואס טוּסְטוּ דָא?" הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אַז דֶער הַאר פוּן דֶעם פַּאלַאץ הָאט אִיר אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן אִיר טַאטֶע אַלְץ אַ מַשְׁכּוֹן, וַוייל עֶר קוּמְט אִים אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי דַארְף אִיךְ אִים בַּאדִינֶען אַלְץ דֶעם חוֹב פוּן מַיין טַאטֶע,

אוּן לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ דָא נִישְׁט קַיין שׁוּם אִידִישְׁקֵייט, זִי הָאט יָאמֶערְלִיךְ גֶעוֵויינְט. אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע רַחְמָנוּת גֶעפִיל אוֹיף אִיר, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דֶעם פָּרִיץ, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעטְרָאפְן זִיצְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער שֵׁיינֶע שְׁטוּל, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִויפִיל גֶעלְט ווילְסְטוּ אִיךְ זָאל קֶענֶען נֶעמֶען דִי דִינְסְט?" הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גְרוֹיס גַאֲוָה: "אִיר טַאטֶע קוּמְט מִיר 300 גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, אוּן כְּדֵי אִיר אוֹיסְצוּלֵייזְן דַארְף אִיךְ 300 גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת!" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי דֶער טַאטֶע פְּלַאנְט דִיר צוּ בַּאצָאלְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֶעבְן 25 גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת אוּן לָאז אִיר אַרוֹיס."

הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין אִיךְ בִּין נִישְׁט מְוַתֵּר, אִיךְ דַארְף 300 גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת." הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט מִיט 50 גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, 100? נֵיין, אֶפְשָׁר 200? אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען מַיין גַאנְצֶע אַיינְגֶעשְׁפָּארְטֶע פַארְמֶעגְן פוּן 300 גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְן פָּרִיץ אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי דִינְסְט."



דָא הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ גֵיין אִין מַארְק, בִּין אִיךְ אַהֵיימְגֶעפָארְן, אָבֶער וָואס זָאג אִיךְ פַאר מַיין וַוייבּ, וואוּ אִיז דִי גֶעלְט?! וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מַיין שְׁטָאט הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי מֵיידְל צוּ אַ שָׁכֵן אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיר דָא הַאלְטְן פַאר אַפָּאר מִינוּט.

אִיךְ קוּם אַהֵיים, מַיין וַוייבּ הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֶעגְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעקוֹיפְט, הָאבּ אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט. הָאט מַיין וַוייבּ גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ אִיז דִי מֵיידְל?" הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: "דָא בַּיים שָׁכֵן." מֶען אִיז אִיר גֶעגַאנְגֶען אָפְּנֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז אִיךְ הָאבּ אַ פְרוֹי אַ צַדֶיקֶת וָואס אִיז גְרֵייט צוּ טוּן אַזַא חֶסֶד. אַזוֹי הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהָאדֶעוֶועט דִי מֵיידְל בִּיז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִיר צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ.

הָאט דֶער נִפְטָר אוֹיסְגֶעפִירְט: "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אִין שְׂכַר פוּן דִי מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן נָאר כְּדֵי צוּ הֶעלְפְן אַ אִיד, הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעעֶפֶענְט פַאר מִיר אִין עוֹלָם הָאֱמֶת, אָבֶער מֶער פוּן דֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט דִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, נָאר דָאס כְּדֵי זָאלְסְט וִויסְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְדָקָה וְחֶסֶד."

**(אשר בנחל חלק ע"ה מכתב ט"ז אלף רכג בריוו 16,223)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



## קט"ז

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵויילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער.

תסט

דָאנֶערְשְׁטָאג, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער שָׂרָה, דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. דִי חוּפָּה אִיז גֶעוֶוען דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, אוּן נָאךְ דִי חוּפָּה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן מָשִׁיחַ, אוּן מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אַז עֶר אִיז מְרַמֵז אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי טָאכְטֶער שָׂרָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט, "אַלֶעס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט טוּן גוּטֶע זַאכְן מִיט דִי אִידְן, קֶען אִיךְ אוֹיךְ טוּן, דֶער חִילוּק אִיז נָאר אַז מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין, אָבֶער אִיךְ...", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט.

[טֵייל זָאגְן אַז דֶער אוֹיסְפִיר אִיז, "...אָבֶער אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיסְפִירְן אוּן עֶנְדִיגְן". אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַן אַנְדֶערֶער אוֹיסְפִיר, "...בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט זַיין מֶער קַיין בְּחִירָה, מֶען וֶועט מוּזְן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא אַ בְּחִירָה"]

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דָארְט, "דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן, עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי, אֲפִילוּ מָשִׁיחַ אַלֵיין וֶועט אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן". דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט בְּרַבִּים פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן.

שְׁפֶּעטֶער בַּיי דִי חֲתוּנָה אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן. דֶער פוֹיקֶער דָארְט בַּיי דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אִים פַארְשִׁיקְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיגוּן, אוּן עֶר הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט אַז מִיט דֶעם נִיגוּן הָאט עֶר גֶערוּפְן צוּ דִי חֲתוּנָה אַלֶע הֵיילִיגֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן זַיין זֵיידֶע הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, אוּן זַיין מַאמֶע דִי צַדֵיקֶת, וַוייל בַּיי אַ חֲתוּנָה קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן זֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג' נִיסָן, בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע תּוֹרָה, אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים י"ט, ה') "לַשֶׁמֶשׁ שָׂם אֹהֶל בָּהֶם", וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ט.

בִּשְׁעַת'ן זָאגְן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִים י"ט, ו') "וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ", אוּן דָארְט אִיז מְרוּמָז חוֹדֶשׁ נִיסָן, שָׂרָה, יִצְחָק, כַּלָה, אוּן חֲתוּנָה, וְכוּ'. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי תּוֹרָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְז, נָאר צוּלִיבּ דִי גְזֵירוֹת, וָואס מְ'רוּפְט פוּנְקְטְן, וָואס מְ'הָאט גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט פוּן דֶעם צוּ נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִילִיטֶער, אוּן דָארְט אִין דִי תּוֹרָה רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן דֶעם עִנְיָן מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי גוֹיִם, "כִּי אֶעֱשֶׂה כָלָה בְּכָל הַגוֹיִם" (יִרְמְיָה ל' י"א), "דְּאָכְלֵי כֹּלָּא וְשָׁצֵי כֹּלָּא", "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים" וְגוֹ' (דְבָרִים ד', ד'), קוּק גוּט אַריין דָארְט אִין דִי תּוֹרָה, אוּן פַארְשְׁטֵיי וָואסֶערֶע טִיפֶע אוּן גָאר הוֹיכֶע זַאכְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט.

יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֵוייל̈ט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר נָאר מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם גֶעסְט בַּיים סֵדֶר, צוּ מְקַיֵים זַיין כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ יָאר דֶעם "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ" (דְבָרִים ט"ז, י"ד).

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?

לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## ר' איד, איך פארשטיי לערנען!

כ

כאפצעם כאפצעעעעם!

גמרא רש"י תוספות, ראשונים, אחרונים, חידושים.... נעם נאר זיין גמרא און קוק ביי די זייט פונעם עמוד ווי שיין די מראה מקומות, די חידושים מיט די אפשר לומר איז אזוי שיין צוגעצייכנט.

פאר פארטאגס, פארטאגס, שחרית, פארמיטאג, אינמיטן לאנטש, נאכמיטאג, מנחה, נאכט סדר, מעריב, נאך נאכט סדר, דער בחור זיצט און קנאקט שטיקער, א רויער גייט!

פארשטייט זיך אז שידוכים איז גארנישט אזוי לייכט אנגעקומען, כ'מיין יעדער איינער וויל נאר כאפן דעם בחור און ווער קען זיך דען צושטעלן צו די הויכע סטאנדארטן פונעם מציון פונעם דור?

כ'מיין וויפיל בחורים קענסטו וואס האבן שוין דארכגעקערט ש"ס? יא ש"ס! גאנץ ש"ס דורכגעלערנט און זיך פארהערט!

אבער די גליקליכע טאג איז אנגעקומען ווען מ'האט אפירגענומען די מיידל, די פירער פון אלע פירערינס, די געלונגענסטע פון די געלונגענסטע, זי פירט די קעמפ, די פראגראמען, די שפיל, די טריפ, פרעג נישט, וואס דו ווילסט נאר פירט זי אן, ממש פאסיג פארן מציון בחור פונעם דור!

ענבי הגפן בענבי הגפן, דער בחור'ל – שוין היינט א איינגערמאן לערנט אדורך זיינע כולל יארן. נאך עטליכע יאר טרעפט ער זיך ביים שפיץ פונעם ביזנעס וועלט, ער דארף דאך גיין ברענגען פרנסה, על המחיה ועל הכלכלה, א כתובה האט ער גע'חתמ'עט, ס'איז גארנישט קיין וויצן, שנעל האט ער זיך ארויפגעדראפעט אויפן קארפארעט לייטער און זיך געטראפן ביים שפיץ פונעם ביזנעס וועלט.

ער שארט אריין ווי ס'דארף צו זיין!

זיין געלונגענע ווייב שטאפירט אויס די קינדער אלע מיט מעטשינג ברענד נעימס ווי ס'פאסט פאר משפחת געלונגען... אלעס גלאנצט פונקט ווי די בילד קוקט אויס.

מיטוואך נאכט גייט ער שאפינג פאר שבת, ארויסקומענדיג פונעם געשעפט טרעפט ער אן אן א מפיץ, צדקה? אוודאי צדקה! אבער די קונטרסים, וואס האסטו דארט? סדר דרך הלימוד מע איך קען דאך לערנען, נאופ דאס איז נישט פאר מיר.

יום טוב פסח האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדרוקט: "די גרעסטע רחמנות איז אויף די בחורים וואס קענען לערנען, זיי געבט מען נישט די זיסע עצות פונעם הייליגן רבי'ן. א שוואכער בחור, אים לאזט מען לערנען מיטן סדר דרך הלימוד, ער מעג וויסן פון די אלע זיסע עצות פון רבי'ן, אבער דער בחור מיטן שארפן קאפ ס'דאך ממש א שאד, ער קען דאך פארשטיין...."

"אבער וואס וועט זיין שפעטער? באלד האט ער חתונה, ער גייט זיין פאריאגט און פארפלאגט, אויב ווערסטו אים נישט געבן דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן אז מ'דארף נישט פארשטיין, לערן, נעם א משניות, נעם א גמרא, זאג די ווערטער, דאס וועט דיך מאכן פריילין, ס'וועט דיך אפ רייניגן און צוקלעקבן צום אייבערשטן!

אויב ווערסטו נאר לערנען ווען די קאפ איז קלאר און מ'פארשטייט אלעס טיף, דעמאלט וואס וועט זיין אין די טעג ווען ס'גייט איבער? די ביזנעס איז פאריאגט, די אלע ערב'ס און מוצאי'ס אויפן וועג צו די נסיעות און ביי די וואקאציעס וואס ווערסטו דעמאלט טון ווען דו קענסט זיך נישט אזוי מצמצם זיין ווי אין די ישיבה יארן?

"אמאל פלעגט מען פרעגן איינעם פארוואס לערנסטו נישט? האט ער געענטפערט ווייל איך פארשטיי נישט קיין לערנען... היינט אבער ווערסטו פרעגן איינעם פארוואס לערנסטו נישט? וועט ער דיר ענטפערן ווייל איך פארשטיי!"

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "די דרך הלימוד דאס גייט נאר צוזאמען מיט אמונת צדיקים, ס'איז נישט קיין שכל'דיגע זאך וואס מ'קען מסביר זיין און פארשטיין, ס'איז טעמו וראו כי טוב!"

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



דאנערשטאג נאכט ביים ליל שישי שיעור מיטן סיום פון מסכת מכות און יארצייט פון הרה"ק רבי ישעיה בן רבי משה זצוק"ל האט דער ראש ישיבה אויפגעפאדערט: "איך נעם דיר גארנישט צו, לערן ווייטער מיט דיין חברותא ווי ביז אהער, איך בעט דיר נאר ביינאכט אין שטוב ווען קיינער זעט נישט, נעם א משניות און זאג א פרק משניות, דו וועסט ווערן א נייע מענטש!"

"היינט זעט מען ווי אזוי גאנץ כלל ישראל זוכט צו זיין מקושר צום גרויסן צדיק רבי ישעי'לע, אבער וויניג פארציילט מען פון די התנגדות און רדיפות וואס דער צדיק האט געהאט אויסצושטיין בחיים חיותו, ווי אזוי מ'האט געקריגט אויפן צדיק, מ'איז ארומגעלאפן צו גרויסע צדיקים זאלן חתמ'ענען קעגן דעם צדיק."

אגב האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט, אז מענטשן פרעגן פארוואס דארפסטו פארן קיין אומאן, פארוואס דארפסטו גיין פונקט צום ברסלב'ער רבי'ן, זעסט דער צדיק און יענע צדיק זיי זענען אלע געווען גרויסע צדיקים אפילו זיי זענען נישט געווען ביים רבי'ן?!

האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ווען מ'איז געקומען צו א גרויסע צדיק מיט לשון הרע'ס קעגן רבי ישעי'לע ער זאל חתמ'ענען קעגן אים האט ער זיך אויסגעדרוקט "איך זאל חתמ'ענען קעגן רבי ישעי'לע? ער איז קדוש מרחם, ער האט קיינמאל נישט פוגם געווען!"

האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: "ווי קום איך אן בכלל זיך צו קענען מדמה זיין צו אזא צדיק? מיר זענען דאך ווער מיר זענען, מיר ליגן דאך ווי מיר ליגן, מיר זענען אויף די אנדערע זייט מחיצה פון די צדיקים, און דא קומט דער הייליגער רבי און נעמט אונז ווי אזוי מיר זענען און איז אונז מתקן, ער זאגט אונז מיט זאלן קומען קיין אומאן געבן א פרוטה'לע צדקה, זאגן די צען קאפיטלעך און ער וועט זיך שוין פארען פאר אונז!"

דער רבי געבט אונז דעם דרך הלימוד

מיר זאלן אויך קענען קונה זיין כל התורה כולה, מיר מיינען אז מיר קענען שוין נישט זיין קיין צדיקים, מיר זענען שוין ארויסגעווארפן פון די קדושה, מיר געפונען זיך אויף די אנדערע זייט מחיצה, קומט דער רבי און האט אויף אונז רחמנות און ברענגט אונז אריין צו קענען זיין א צדיק געבט אונז די זיסע עצות מיר זאלן נישט פארפאלן גיין חלילה!

"די גרויסקייט וואס מ'דערציילט נאך פון רבי ישעי'לע איז זיין מסירות נפש צו טון חסד פאר א צווייטע איד, אין יענע צייטן איז געווען אזא עניות, ס'איז נישט געווען קיין רעגירונג פראגראמען, ס'איז געווען מענטשן וואס פלעגן פשוט אויסגיין פאר הונגער! איז דער צדיק געקומען און געטיילט זופ מיט בילקעס פאר די אלע הונגעריגע מיט גרויס מסירת נפש, ער פלעגט צושטעלן ברייטע סעודות פאר כל דכפין און אזוי האט ער מחיה געווען אידישע קינדער.

"היינטיגע צייטן איז דא א שפע ב"ה מענטשן גייען שוין היינט נישט אויס פאר הונגער אזוי ווי אמאל. אבער היינט איז די נפש הונגעריג, א מענטש וואס לערנט נישט שפירט נישט גוט מיט זיך, מענטשן זענען פארלוירן, מ'שפירט זיך פוסט און ליידיג, היינט אויב וויל מען גיין אין די וועגן פון די צדיקים און עוסק זיין חסד, געב פאר דיין חבר דעם סדר דרך הלימוד דאס איז עסן פאר די נשמה, געבן פאר א מענטש א וועג צו לערנען תורה איז די גרעסטע חסד וואס דו קענסט טון!"

שכח אייבערשטער אז מיר גייען נאך א צדיק און מיר פאלגן די עצות פון א צדיק בתמימות און מיר זענען זוכה צו זעהן ווי דער צדיק נעמט אונז ווי אזוי מיר זענען און הייבט אונז אויף אזוי הויך!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

# יואל רוטה
ר״מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע״א

בעזרת ה׳ יתברך

יום ה׳ פרשת תזריע מצורע, ג׳ אייר, י״ח לעומר, שנת תשפ״ה לפרט קטן

**מיין טייערער שמואל אייכנשטיין נרו יאיר**

שטארק זיך מיט דיין הייליגע ארבעט פון צאמנעמען געלט פאר עצתו אמונה; וואלסטו געוויסט וויפיל אינגעלייט, ווייבלעך, בחורים און מיידלעך, און אפילו עלטערע, און אפילו רבנים, דיינים, בעלי מקובלים - זענען זיך מחי׳ מיט די בריוו פון עצתו אמונה, ווי אלע ווארטן אויף שבת צו ליינען די וועכנטליכע בריוו... דאס ברענגט זיי צום אייבערשטן, דאס ברענגט זיי צו שלום בית און צו אלעס גוטס, וואלסטו זיך געפרייט אז דאס איז דיין חלק.

איך וועל מחזק זיין אלעמען זאלן העלפן מיט געלט אז די מכון זאל קענען אנגיין ווייטער, ארויסגעבן וועכנטליך די קונטרסים און קענען ארויסגעבן יעדע חודש נאך א ספר, און נישט דארפן אויפהאלטן דאס דרוקן צוליב געלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יואל רוטה

**רופט יעצט שמואלי: 917-589-3382**

מכון עצתו אמונה

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש
צווייטע טעג פסח תשפ"ה



**שכח אייבערשטער אז דעם פארגאנגענעם שביעי און אחרון של פסח האב איך נאך אסאך תפילות זוכה געווען צו ווייזן אינעם הייליגן ברסלב'ן שטעטל, און געהאט די זכיה צו עסן די סעודות ביים ראש ישיבה שליט"א. איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן וויפיל איך געדענק מיטצוטיילן מיט די טייערע חברים וואס ווארטן צו הערן, און ווילן זיך לערנען ווי אזוי צו מאכן א פרייליכע סעודה אזוי ווי דער ראש ישיבה האלט אונז אין איין לערנען ביי די שיעורים אז די סעודת שבת דארף בעיקר זיין רואיג און פרייליך כדי די קינדער זאלן באקומען א געשמאק אין אידישקייט.**

**פארשטייט זיך אז אפשרייבן די געפילן און די דערהויבענע פרייליכע געשמאקע אטמאספער וואס איז געווען דארטן איז נישט מעגליך אפצושרייבן, און בכלל ווען דער ראש ישיבה רעדט און ווען מען זעט ווי אזוי ער פירט די סעודה, איז יעדע תנועה און די וועג ווי אזוי די ווארט ווערט געזאגט און די ארום אויף וואס ער איז מגיב און אויף וואס ער קוקט אוועק, איז יעדע זאך אן עקסטערע לימוד וואס אויף דעם איז געזאגט געווארן אינו דומה שמועה לראיה.**

**וואס מען קען יא שרייבן איז טריקענע פאקטן וואס איז געווען און וואס מען האט געשמועסט, און דאס קען מען אויך נאר שרייבן א חלק דערפון, ווייל ס'איז נישט מעגליך צו געדענקען יעדע פרט און די סדר ווי אזוי עס איז געשמועסט געווארן, אבער איך האף צום אייבערשטן אז דאס ביסל וואס איך ברענג דא וועט אויך זיין עפעס ארויסצונעמען אויף לעובדא ולמעשה צו קענען לערנען ווי אזוי א סעודה קען אויסזען אויב מען בעט דעם אייבערשטן אויף דעם.**

## אז ער וויינט איז גוט

ווען איך בין אנגעקומען האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "איך פריי מיך אז דו ביסט דא, איך בין זייער פרייליך אז דו ביסט מיין גאסט".

דער ראש ישיבה האט יעדן מסדר געווען א פלאץ ווי צו זיצן.

ווען אלע האבן זיך אראפגעזעצט האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען שלום עליכם און זמירות זיצנדיג. ווען מען איז אנגעקומען ביי די זמירות צום שטיקל פון 'מודה אני' האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ווען שבת געפאלט אין יו"ט זינגט מען דא גלייך 'אשת חיל'.

ווען מ'האט געענדיגט זמירות האט דער ראש ישיבה גענומען די הדסים און געפרעגט די קינדער פארוואס מען שמעקט צוויי הדסים, האט דער קליינער יחזקאל'ע געגעבן א שריי אז ער ווייסט אז איינס איז פאר שמור און איינס פאר זכור.

פאר קידוש איז איינע פון דער ראש ישיבה'ס אייניקלעך - א קליין קינד ארויפגעקראכן אויף א בענקל, די בענקל האט זיך איבערגעדרייט, און דאס קינד איז אראפגעפאלן. די ערשטע רגע האט זיך יעדער דערשראקן פון די קול פון די קלאפ. דאס קינד האט אנגעפאנגען וויינען, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: אז ער וויינט איז גוט - ס'איז א גוטע סימן, אויב א קינד פאלט אראפ און ער וויינט נישט דעמאלט איז א פראבלעם.

## א ירושה בעכער

איינע פון די געסט ביי די סעודה איז געווען א חתן פון ארץ ישראל, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו אים: "דו הערסט חתן, דו גייסט שוין חתונה האבן וועסטו וויסן אז א קינד וויינט, איז שוין א גוטע סימן". דערנאך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט "די זעלבע איז אויך ברוחניות, אז א מענטש פאלט נעבעך אראפ, אויב ער וויינט און רעדט צום אייבערשטן איז א גוטע סימן אז ער איז קאנטשעס (זיין מח איז אויף). אויב ער וויינט שוין נישט, ס'גייט אים מער נישט אן אז ער פאלט, דעמאלט דארף ער גרויס רחמים".

דער ראש ישיבה האט מכבד געווען דעם חתן פון ארץ ישראל אויפצוהייבן די בעכער פאר קידוש, דער ישיבה האט זיך אנגערופן: "יעדער שטעלט זיך אויף צו קידוש". דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש מיט א געשמאק מיט זיין זיסע יו"ט'דיגע פרייליכע נוסח. נאכן אויסטרינקען די בעכער האט דער ראש ישיבה געזאגט "א מחיה - שכח אייבערשטער" און געשיקט א גלעזל קידוש ווין פאר זיין ווייב. נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעגאסן ווין אין אלע גלעזלעך. איך האב געזען אז דער ראש ישיבה האט א גאנצע עבודה מיטן שיקן ווין פאר יעדן איינעם (עס איז פון פאראויס אנגעגרייט אויפן טיש גלעזלעך אויסגערעכנט לויט וויפיל מענטשן עס גייען קומען צו די סעודה אלע געסט און קינדער) דער ראש ישיבה אליינס גיסט אן די גלעזלעך, און בשעת ער גיסט אן רעכנט ער אויס אלע נעמען פאר וועם מען זאל דאס שיקן (ער האט חשבונות פאר וועם קודם און פאר וועם נאכדעם) און פאר די קאפלס וואס קומען גיסט ער אן צוויי גלעזלעך און ער זאגט צוויי מאל די מאן'ס נאמען. ביי איינע פון די אינגעלייט וואס זענען דארט געווען האט דער ראש ישיבה פארגעסן אנצוגיסן צוויי גלעזלעך, און דער אינגערמאן (א תלמיד חכם) האט געהאט מורא רבו און האט גארנישט געזאגט. שפעטער איז איבער געבליבן איין ליידיגע גלעזל האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון דעם אינגערמאן "דיין ווייב האט שוין באקומען?" האט ער געזאגט "ניין" פרעגט אים דער ראש ישיבה "פארוואס נעמסטו זיך נישט אן פאר דיין ווייב"?

דער ראש ישיבה האט מיר געוויזן די בעכער אין וואס ער מאכט קידוש און געזאגט אז די בעכער האט א ספעציעלע חשיבות (מען רעדט פון א אלטע קליינע עכט זילבערנע בעכער) ס'איז ארויף געקריצט אויף דעם י. ר. און דער ראש ישיבה פארציילט מיר אז דאס איז א בעכער וואס זיין זיידע הרב יחזקאל ראטה זצ"ל האט באקומען א מתנה פון זיין מאמע ביי זיין בר מצוה ( י. ר. מיינט זיין זיידעס נאמען) דער ראש ישיבה האט פארציילט אז זיין זיידע פלעגט דאס אלע יארן ניצן ביים סדר. שפעטער אויף די עלטערע יארן האט מען אים געגעבן שיינע טייערע זילבענע כלים האט זיך די בעכער געוואלגערט אויפן טיש צווישן אנדערע צענדליגע אלטע זילבערנע בעכערס (מען רעדט נישט פון די היינטיגע דיקע זילבערנע בעכערס, נאר אזוי ווי אמאל א דינע זילבערנע בעכער וואס ס'האט בשעתו געקאסט פופציג צו הונדערט שקלים וואס יעדע קינד/בר מצוה בחור האט דאס באקומען א מתנה פון יעדע זיידע/באבע ביי סנדקאות אדער ביים בר מצוה) דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געפרעגט זיין זיידע צו ער מעג דאס האבן, האט זיין זיידע געזאגט אז ער קען דאס אהיימנעמען פאר זיך אבער ער זאל וויסן די חשיבות דערפון אז דאס האט אים זיין מאמע געקויפט צו די בר מצוה.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט מיט א שמייכל אז פון אים, אפילו אויב מען וועט וועלן מאכן רביס'טעווע וועט ער בלייבן ניצן דווקא נאר דעם בעכער.

## מיין בעסטע מתנה

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פאר אים זאל מען נישט שיקן קיין מתנות.

> **ער וועט ברענגען א מתנה וואס צו דעם וועט זיך דער ראש ישיבה יא פרייען, "ער וועט זיך פארנעמען מער נישט אהיים צו ברענגען די טעלעפאן אין שטוב.**

דערנאך האט מיר דער ראש ישיבה געוויזן אויפן טיש: "דו זעעסט דאס (ס'איז געווען א שיינע זילבערנע טעלער אין וואס די רבי'ס עסן אין דעם די זיפ אדער קאמפאט, דער ראש ישיבה ניצט דאס פסח פאר א זאלץ מעסטל) דאס האט מיר א אינגערמאן געברענגט א מתנה פאר חמשה עשר בשבט, דער אינגערמאן קומט פון א רבי'ש הויף, וואס דארט ניצט דער אדמו"ר שיינע גרויסע זילבערנע כלים, האט ער געטראכט אז ער גייט קויפן א טייערע שיינע זילבערנע טעלער א מתנה פארן ראש ישיבה צו עסן אין דעם די זיפ, ווען ער איז געקומען ברענגען די מתנה האט ער אינמיטן וועג געטראכט צו זיך, וואס איז מיט מיר, דאס גיי איך געבן פארן ראש ישיבה, דער ראש ישיבה גייט דאס אפילו נישט וועלן נעמען פון מיר. האט ער זיך צוריקגעדרייט און אפגעמאכט אז ער שעמט זיך צו קומען מיט דעם צום ראש ישיבה. אויפן וועג אהיים טראכט ער צו זיך איך וויל דאך ברענגען א מתנה פארן ראש ישיבה אלץ הכרת הטוב אז ער האט מיר געטוישט מיין לעבן און אריינגעברענגט דעם אייבערשטן אין מיין שטוב, וואס פאר א מתנה קען איך יא געבן פארן ראש

## סעודה מיטן ראש ישיבה

ישיבה, האט ער אפגעמאכט אז ער וועט ברענגען א מתנה וואס צו דעם וועט זיך דער ראש ישיבה יא פרייען, וואס וועט זיין די מתנה? "ער וועט זיך פארנעמען מער נישט אהיים צו ברענגען די באהאלטענע אפיקומן - די טעלעפאן אין שטוב".

וכן הוה, פון דעמאלט האט ער אויפגעהערט אהיים צו ברענגען די טעלעפאן אין שטוב, ער לאזט דאס יעדע נאכט אין אפיס. שפעטער איז ער געקומען מיט די טעלער צום ראש ישיבה און פארציילט די גאנצע מעשה און געזאגט פארן ראש ישיבה "די מתנה וואס איך ברענג איז די קבלה צו האלטן ריין מיין שטוב, אבער אזוי ווי איך האב שוין געקויפט די טעלער און איך האב נישט וואס צו טוהן דערמיט, ברענג איך דאס פארן ראש ישיבה". האט דער ראש ישיבה געזאגט: "זייער גוט, דאס האט א חשיבות ביי מיר" און ער האט דאס אוועקגעלייגט צו ניצן פאר פסח.

דערנאך געט זיך דער ראש ישיבה א דריי אויס צו מיר און זאגט מיט א שמייכל: "דו גייסט דאך שרייבן א יו"ט מיטן ראש ישיבה, שרייב טאקע אז מען מעג זאל וויסן אז אויב איינער וויל מיר געבן הכרת הטוב זאל ער האלטן זיין שטוב ריין פון די כלים דאס איז די מתנה צו וואס איך פריי זיך".

### קארפ פיש

איינע פון די בחורים האט אנגעגרייט א מצה פאר יעדן איינעם, עס איז געווען דארט אין די זייט אנגעגרייט א גרויסע באקס פון מצות און פלעסטיג זעקלעך, און א בחור האט אנגעגרייט א מצה אין יעדע זעקל, ער האט פרובירט אריינצולייגן די מצה גאנצערהייט אין די זעקל, אבער ס'איז נישט אריינגעגאנגען, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט "ס'קען אריין גיין מען דארף נאר וויסן ווי אזוי דאס צו דרייען, ביי מיין טאטע פלעג איך דאס אנגרייטן".

דער ראש ישיבה האט דאס איבערגענומען און געגעבן א דריי אהער אהין און די מצה איז אריין, למעשה האט איינער שפעטער אריינגעברענגט בעגס וואס ס'איז א משהו גרעסער, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "איך האב געמיינט אז דאס איז געווען די גרעסערע, ביסט מיר מוחל?"

דער ראש ישיבה האט אויסגערופן "יעדער זאל זיך גיין וואשן און די קינדער קומען אהער". דער ראש ישיבה האט אליין'ס געוואשן אלע קינדער און זיך אראפגעזעצט ווארטן זיין ווייב זאל אריינקומען. דערנאך האט ער געמאכט המוציא און געשיקט מצה פאר זיין ווייב.

ווען איך האב געוואלט מאכן לחם משנה מיט מיין שכן האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז מען דארף נישט ארויס נעמען די מצה פון די בעג, איך קען מאכן לחם משנה צוזאמען מיט די בעג.

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט צו איך דארף קארפ פיש (נאר דער ראש ישיבה האט געגעסן קארפ, די איבעריגע עולם האט געגעסן סעלמאן פיש) האב איך געזאגט אז ס'איז נישט קיין חילוק, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען זאל מיר געבן קארפ. למעשה האב איך זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט די קארפ, און דער ראש ישיבה האט באמערקט אז איך עס דאס נישט געהעריג האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב "ער באפארעט זיך נישט מיט די ביינער, זע מען זאל אים געבן די אנדערע פיש".

דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין זאגן פאר זיין ווייב אז די עסן איז זייער גוט, ס'האט אלע טעמים, און אז די געסט זאגן אויך אז די עסן איז זייער גוט.

ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז אפילו דער ראש ישיבה האט מקפיד געווען חומרות פון פסח, אז מען זאל עסן דווקא פון די זעקל וכדומה, איז נאכאלץ נישט געווען קיין שום לחץ און פרעשור דערוועגן. פאר די קינדער וואס בראקן האט דער ראש ישיבה געפרעגט שיין "דו ווילסט בראקן? דעמאלט נעם א פלעסטיג טעלער". פאר זיין זון וואס גייט דאס יאר בר מצוה האבן האט דער ראש ישיבה געזאגט: "קומענדיגע יאר וועסטו שוין נישט קענען בראקן". אלעס מיט א רואיגקייט און א שמייכל.

### פרעג עפעס

דער ראש ישיבה האט מיר געוויזן: נא זאג עפעס, האב איך געפרעגט צו איך קען זאגן א תורה, האט דער ראש ישיבה געזאגט קען זאגן וואס דו ווילסט, האב איך געזאגט עפעס א פשט, און דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט, זאגענדיג "זייער שיין, זייער שיין".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון די אנדערע געסט זאלן עפעס זאגן, פאר איינעם האט ער געזאגט "זאג עפעס, פארצייל עפעס, פרעג עפעס".

איינע פון די געסט האט געפרעגט ווי אזוי ער קען מקרב זיין זיין משפחה, ער זעט ווי זיינע ברידערס דרייען זיך בין הזמנים, זיי גייען אראפ פון זינען פון ליידיג גיין, ער פרובירט זיי צו זאגן זיי זאלן זאגן משניות און גמרא, זיי וועלן האבן א געשמאק אין לעבן, אבער ס'גייט נישט, זיי הערן נישט. האט דער ראש ישיבה געזאגט "ביי מיר איז אויך אזוי, א גרויס חלק פון מיין משפחה הערן און לעבן פון די שיעורים, אבער עס איז דא וואס פארשטייען נישט, מה כל הרעש? וואס ווילסטו דא? ווער רעדט דען נישט צום אייבערשטן? וואס ביסטו מחדש? מען דארף האבן א זכיה."

### אפגע'מל'ט

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען ער האט געעפנט די ישיבה זענען מחרחי ריב ארומגעגאנגען צו רבנים מיט פאלשע לשון הרע'ס אז די רבנים זאלן ארויסגעבן א חתומה קעגן די ישיבה. זענען עטליכע אינגעלייט - תלמידים פון מוהרא"ש ארומגעגאנגען מיט מסירות נפש צו רבנים מסביר זיין וואס דער ישיבה איז. איינע פון די רבנים צו וועם זיי זענען געגאנגען איז געווען א גרויסער רב, זיי האבן געבעטן און מסביר געווען אז אויב דער רב וועט זיך ארויסשטעלן אנטנעמען פארן ראש ישיבה וועט זיך די מחלוקת אפשטילן, האט דער רב געזאגט אז אויב דער ראש ישיבה וועט אפלאזן דעם רבי'ן איז ער מסכים ארויסצוקומען מיט א קול קורא זיך אננעמען פארן ראש ישיבה, אבער ווילאנג דער ראש ישיבה האט שייכות מיט ברסלב און מוהרא"ש קען ער גארנישט טון.

אין א געלעגענהייט האט מען דאס איבער פארציילט פאר מוהרא"ש, האט מוהרא"ש זי"ע געזאגט אז די גוים טענה'ען צו די אידן זיין זאלן זיך אויסמישן מיט זיי און ווערן גוים, און די אידן ענטפערן "מיר זענען שוין גע'מל'ט, מ'קען שוין נישט צוריק ווערן א ערל". די זעלבע איז מיט אים, דער רבי האט אים שוין גע'מל'ט און געעפנט זיין הארץ צום אייבערשטן, ווי אזוי איז מעגליך אים אוועק צו שלעפן פונעם רבי'ן. דער ראש ישיבה

האט געזאגט אז ער האט געהאט א שטארקע חיות און חיזוק פון דעם אז מוהרא"ש זאגט דאס אויף אים אז דער רבי האט שוין גע'מל'ט זיין הארץ.

דער ראש ישיבה האט געשמועסט און פארברענגט מיט א רואיגקייט, גערעדט פון דאס און פון יענץ, עס איז געפארן פון איין שמועס צום צווייטן. איינע פון די שמועסן איז געווען אז דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט פאר אלע זיינע קינדער נאך ווען זיי הייסן, און פארוואס מען האט נישט געקענט געבן דעי נאמען נאר דעי, און פאר יעדע קינד האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט "און פארדעם האסטו זוכה געווען צו האבן די הייליגע נאמען......"

## א שידוך מיט א פשוט מיידל

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז זיין זיידע הרב יחזקאל זצ"ל הייסט נאכן הייליגן מראה יחזקאל פון קארלסבורג זצוק"ל ווייל זיין מאמע איז געווען זייער קראנק פארן געבוירן דאס קינד, און די דאקטורים האבן איר זייער אפגעשראקן אז זי איז פארגיפטעט און ביידע זענען אין א סכנה. איז דער טאטע הר"ר יצחק אייזיק ז"ל געפארן קיין קארלסבורג צום ציון פונעם הייליגן מראה יחזקאל (ער איז געווען אן איניקל) און זיך אויסגעוויינט צום אייבערשטן, ער האט צוגעזאגט אז אויב זיין פרוי וועט האבן א רפואה און וועט האבן א געזונטע קינד וועט ער געבן א נאמען יחזקאל נאכן מראה יחזקאל. וכך הוה.

דער ראש ישיבה האט אויך פארציילט פאר די קינדער א אינטערעסאנטע מעשה פונעם הייליגן מראה יחזקאל'ס זוהן הרה"ק ר' מענדעלע דעעש'ער זצוק"ל די זיידע פון אלע דעעש'ער רבי'ס, ווען ער איז געווען א בחור האט ער געדארפט ערגעץ וויכטיג גיין און ער איז דורכגעגאנגען א מארק, דארט איז געשטאנען עפעס א ארימע מיידל און פארקויפט מעלאנעס, און זי האט געזען דעם צדיק גייט אדורך מיט יראת שמים און שמירת עינים האט זי זיך אנגערופן "צדיק זה בא לבית מלוינע ויפטור בלי מלוינע" (די ווערטער איז גענומען פון א רש"י אין פרשת ויצא, זי האט אויסגעדרייט די ווערטער צו זאגן אז דער צדיק גייט אדורך מיינע מעלאנעס און ער קויפט נישט קיין מעלאנע).

ער האט געהערט די לומדות האט ער א קוק געטון ווער ס'האט דאס געזאגט, נאכדעם איז ער געווארן זייער צוּבראכן פארוואס ער האט געקוקט אויף א פרוי, ער האט זיך זייער אויסגעוויינט צום אייבערשטן, ביז ס'איז אים איינגעפאלן א געדאנק, די הלכה איז דאך אז מען טאר נישט חתונה האבן מיט א פרוי נאר אויב מען האט איר פארדעם געזען, האט ער געטראכט אז אויב ער וועט חתונה האבן מיט די מיידל וועט אויסקומען אז דאס וואס ער האט איר פארדעם געזען איז נישט געווען קיין עבירה, ווייל ער האט געקוקט אויף איר צו קענען חתונה האבן.

ער האט זיך נאכגעפרעגט ווער די מיידל איז, זי איז געווען א מיידל פון זייער א ארימע משפחה, און ער האט געבעטן פון זיין הייליגער טאטע אז ער וויל זיך משדך זיין מיט די מיידל. האט זיין טאטע געזאגט אז ס'איז נישט דא וואס צו רעדן פון דעם, ווייל זיי האבן געשטאמט פון גרויסע רבנים מיוחסים, און די מיידל קומט פון זייער א פשוטע שטוב. אבער דער צדיק האט נישט נאכגעלאזט ער האט זיך געבעטן ביים טאטן אז מען זאל יא טון די שידוך, האט דער צדיק דער מראה יחזקאל געשיקט א בריוו פאר אונזער זיידע דער ישמח משה, און דער ישמח משה האט געענפערט אז מען זאל טון די שידוך.

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה מיט וואונדער פון ווי האט די מיידל געקענט די רש"י און דאס נאך זאגן אזוי גוט אויפן פלאץ? האט דער ראש ישיבה געזאגט "זעט אויס אז כדאי דער שידוך זאל פאסירן האט מען פון הימל געמאכט אז די מיידל זאל פונקט וויסן פון די רש"י, מען האט איר מן השמים אריינגעלייגט די ווערטער אין מויל".

## דער אייבערשטער האט געהייסן

אויך האט דער ראש ישיבה זייער שיין פארציילט פאר די קליינע קינדער און אויסגעשפילט די מעשה פונעם הייליגן קדושת לוי ווי אזוי ער האט זיך פארשטעלט און איז ארומגעגאנגען פסח צו עטליכע פשוטע פראסטע אידן, ער האט זיי געזאגט: 'איך גיב דיר הונדערט דאלער זאלסט מיר ברענגען א באטל ביר' האט דער פראסטע מענטש געשריגן "וואס איז מיט דיר? דו ווייסט נישט אז יעצט איז פסח און ביר איז חמץ?" האט אים דער קדושת לוי געזאגט "איך וועל דיר געבן מער געלט, צוויי הונדערט" אזוי איז ער ארויף צו דריי הונדערט, ער האט פרובירט "אפשר פאר טויזנט דאלער קענסטו מיר יא פארשאפן א באטל ביר".

ביז דער איד האט זיך אויפגערעגט ער האט גענומען א שטעקן און געשריגן "דו ביסט נארמאל? גיי אוועק פון דא, פאר די וועלט'ס געלט וועל איך נישט האבן קיין חמץ אין פסח, ווייל דער אייבערשטער לאזט נישט!!"

נאכדעם איז דער קדושת לוי געגאנגען שטילערהייט צו א גוי און אים געזאגט אז ער דארף אביסל טאביק (די רוסישע רעגירונג האט נישט געלאזט האנדלען מיט דעם, און ווער מ'האט געכאפט מיט דעם האט מען אריינגעלייגט און תפיסה אדער געשיקט אויף סיביר).

זאגט אים דער גוי "וואס איז מיט דיר? דו ווייסט נישט אז די פאליציי לאזט נישט האנדלען מיט דעם?" האט דער קדושת לוי געזאגט "איך וועל דיר געבן הונדערט דאלער". זאגט דער גוי "אבער די פאליציי לאזט דאך נישט", האט דער קדושת לוי געזאגט "איך וועל דיר געבן צוויי הונדערט" און דער ראש ישיבה האט דאס אזוי זיס נאכגעמאכט ווי אזוי דער גוי גיט א דריי מיט די נאז "ווייסטו וואס לאמיר דאס מאכן פאר דריי הונדערט און די זאך וועט זיין מסודר, דו גיב מיר דריי הונדערט דאלער און איך וועל גיין מיט א בעג אין גאס און בטעות וועל איך אראפלאזן די בעג אינמיטן גיין און די ווערסט צופעליג גיין אינטער מיר, און מאכן השבת אבידה, נעמען די טאבאק פאר דיר, אזוי וועט קיינער נישט זען!!" נאכדעם האט דער צדיק אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט צום הימל און געזאגט "רבונו של עולם הייליגער באשעפער, גיב א קוק וואסערע הייליגע טייערע אידן דו האסט, די גוים האבן פעסטע פאליציי מיט קייטן, ס'איז דא א תפיסה ווי מען שפארט איין ווער עס פאלגט נישט, מיט דעם אלעם פאר אפאר הונדערט דאלער וועלן די גוים האנדלען דערמיט באהאלטענערהייט, אבער אידן אן קיין פאליציי און אן קיין תפיסה פאלגן זיי, נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן".

## מיט א שוקו אדער אן?

ביי די סעודה איז אויך געווען דער מגיד שיעור פון די ירושלימ'ע ישיבה מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א, דער ראש ישיבה האט אים אויסגעפרעגט ווי אזוי ס'גייט אין די ישיבה אין ירושלים, און צו ער איז גרייט אריין צו נעמען נייע בחורים צום זומער זמן, ער האט פארציילט פארן ראש ישיבה אז מענטשן האבן זיך אפגערעדט אז ביי מיטאג (נאכן לערנען אפאר שעה) שפילן די בחורים מיט א געשמאק, און ס'מאכט גרידער, אפשר זאל מען זוכן א נייע גרעסערע פלאץ, האט

דער ראש ישיבה געפרעגט צו די מייק וואס פארט ארום יעדע מינוט אויסרופן די לויה'ס אין ירושלים שטערט דען נישט?

דער ראש ישיבה האט געזאגט א ווערטל אז איינער האט געגרופן באשטעלן אויסצורופן א לויה, האט מען אים געפרעגט מיט א שוקו אדער אן א שוקו? מיט א שוקו איז צוויי הונדערט שקלים און א שוקו איז נאר הונדערט שקל (א שוקו מיינט א קליינע שאקאלאד מילך וואס די ירושלים'ע קינדער טרינקען אויפן וועג צו חדר) פרעגט ער דעם איד ווי קומט אריין א שוקו ביי א לויה? האט מען אים געזאגט אויב די ווילסט מען זאל אויסרופן מיטן פסוק "שוקעה השמש בצהרים" מיט די ירושלים'ע ניגון איז דאס טייערער, אויב מען וויל סתם אויסרופן די לְוָיָה'ע פון הָרַב הֶחָסִיד, איז דאס נאר הונדערט שקלים.

די קליינע טאכטער פונעם ראש ישיבה מלכי (פון איינס א האלב יאר). די מאמע (דער ראש ישיבה'ס ווייב) האט איר געוואלט פיטערן אבער זי האט זיך גע'עקשן'ט אז זי וויל אליין'ס נעמען די עסן אין מויל, דער ראש ישיבה האט איר געזאגט שטרענג "ניין מען קען נישט אליין נעמען, מאמי געבט" דער ראש ישיבה האט דאס איבער געזאגט נאכמאל ביז זי האט געפאלגט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'קען מחנך זיין קליינע קינדער צו דרך ארץ. ער האט פארציילט אז זי פלעגט שלאפן אין די מאמע'ס בעט נאכט נאך נאכט, ביז זיי האבן מחליט געווען "גענוג געווען, זי גייט בלייבן שלאפן אין איר בעטל", דער ראש ישיבה זאגט אז ער האט אפגעמאכט ביי זיך ער גייט אויף זיין און ער איז גרייט אפילו צו מאכן דריי שעה התבודדות, זי האט זיך טאקע אויפגעוועקט און געוויינט אז זי וויל אריינגיין אין די מאמע'ס בעט, האט איר דער ראש ישיבה צוריק אראפגעלייגט, זי האט זיך נאכאמאל און נאכאמאל אויפגעשטעלט, דער ראש ישיבה האט איר א גאנצן צייט מיט ליבשאפט צוריק אראפגעלייגט אן קיין כעס, אבער מיט א פעסטע רואיגקייט און געזאגט "דו גייסט שלאפן אין דיין בעטעלע", אזוי איז געווען איינס א האלב שעה, נאכדעם האט זי זיך שיין אראפ געלייגט אין איר בעטל און זיס איינגעשלאפן, פון דא און ווייטער איז שוין געווארן גרינגער, זי איז געבליבן שיין אין איר בעטל.

> **די זעלבע איז מיט אים, דער רבי האט אים שוין גע'מל'ט און געעפנט זיין הארץ צום אייבערשטן, די אזוי איז מעגליך אים אוועק צו שלעפן פונעם רבי'ן.**

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען עטליכע ניגונים פון יו"ט און געהייסן איינע פון די בחורים זאל אויסשווענקען די בעכער, ער האט אים געזאגט אז ער זאל דאס אויסשווענקען נאר אין קאך ווייל דארט האט מען גע'כשר'ט. מען האט געבענטשט און נאכדעם האט מען געטאנצן אויף א ניגון פון הרחמן הוא ינחילנו יום שצדיקים יושבים וכו' און ביים טאנצן האט דער ראש ישיבה פריילעך געמאכט. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מ'גייט מיר שפאלטן דעם ים".

## שירת הים מיט שמחה

מען איז אראפגעגאנגען אין בית המדרש צו טאנצן שירה. עס איז געווען זייער א שיינע פרייליכע מעמד מען האט געזינגען זייער שיין ניגונים פון יו"ט. דער ראש ישיבה האט געטיילט גרעיפ דזשוס פאר יעדן איינעם. ער האט געשיקט פאר יעדן פארזענליך, אויך פאר די קינדער האט ער געמאכט זיכער אז יעדער באקומט. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען "אדיר במלוכה, לך ולך צו דיר טאטע לך השם הממלכה". און דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן די קינדער זאלן זינגען סאלא. ער האט אויסגערופן וועלכע אינגל ס'וויל זינגען סאלא זאל זיך שטעלן אין די רייע. דער ניגון אדיר האט אסאך שטיקלעך אזוי אז אסאך קינדער האבן געהאט די געלעגנהייט צו זינגען סאלא, עס איז געווען עפעס הערליך.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט א שיינע שמועס, ער האט גערעדט אז מען דארף רעדן צום אייבערשטן מיט א האפענונג און אמונה, נישט שרייען פון פארלוירנקייט, און ווי שטארק דער אייבערשטער ווארט אז מען זאל אים בעטן.

ס'איז זייער א אינטערעסאנטע זאך אז דער ראש ישיבה רעדט דאך אייביג פון רעדן צום אייבערשטן, מיט דעם אלעם זאגט ער דאס מיט אזא פרישקייט אז ס'פילט זיך ממש ווי מ'הערט דאס די ערשטע מאל. די זעלבע ביי די סעודות ער קען איבער פארציילן איין סעודה נאכן צווייטן די זעלבע מעשה און די זעלבע פלעי, אבער ער זאגט אלעס מיט אזא פרישקייט אז די קינדער הערן דאס אויך אויס מיט א פרישקייט, אפילו ער האט דאס שוין נעכטן געזאגט. (חוץ פון דעם איז דאס אויך א מתנה וואס דער ראש ישיבה האט פון הימל אז יעדע זאך וואס ער זאגט האט א חן און ס'איז געשמאק צו הערן)

נאכדעם האט מען געטאנצן "אז ישיר" עס איז געווען זייער דערהויבן און לעבעדיג. נאך יעדע פסוק האט זיך דער ראש ישיבה אפגעשטעלט פאר א סעקונדע און ער האט אנגעפאנגען די נעקסטע פסוק מיט א פרישקייט, און ווען ער האט אנגעפאנגען די נייע פסוק האט ער געגעבן א שפרינג אויף ארויף אבער מיטן גאנצן חיות בכל כוחו ווי א פרישע אינגערמאן, ביי די קומעדיגע פסוק די זעלבע זאך א שפרינג אויף ארויף און נאכדעם געגאנגען ווייטער, און צוביסלעך האט דאס דער עולם אויפגעכאפט און אנגעפאנגען נאכצוטוהן, יעדע נייע שטיקל א שפרינג ארויף און נאכדעם געטאנצן ווייטער. ס'איז געווארן זייער לעבעדיג און פריילעך, ס'איז נישט געווען קיין איין פארשלאפענע אויג אין בית המדרש.

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכיה צו האבן אזא שיינע יו"ט ביים ראש ישיבה, שכח ראש ישיבה פארן מיך אזוי שיין אריינגעמען, און שכח פאר די רעבעצין פארן צושטעלן אזעלכע ברייטע און רייכע געשמאקע סעודות. אמת דער ראש זאגט מיר אייביג אז ער מאכט פשוטע סעודות, ס'איז טאקע אויסגעשטעלט אויף א פשוטע וועג, אבער די אינהאלט איז באמת רייך, געשמאק, ברייט און הרחבה'דיג, אלע טעמים.

# Hello Doctor, I have seasonal allergies.

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™

**With Medease, Telehealth is now a reality in our community.**
Speak with one of our experienced providers by phone, describe your symptoms, and get treatment. It's that simple.
**Schedule your same-day appointment today.**

ash pinexteam

Hello Doctor — 718.208.2030
Covered by Medicaid and most major New York insurances.

Medease
CARE AT HOME

פאר די ברסלב'ע שטוב

# אונזערע אמת'ע פיינט

מ. פאפענהיים



**קוק אויפן ציל**

ש. טראכטער



**די ברויט האט געראטעוועט**

ג. פעקעטע



**רעסעפי:**

א פיינעם פרישטאג

# וואַרעמע
# בּרעטטן



*אין קורצן פון פריער: בתי' - קינד פון ר' יודא לייב ווזוגתו בילא מייזליק ז"ל איז געבוירן אויף דער עלטער. ווען בתי' איז געווען כמעט דריי יאר אלט י"ז אלול תרצ"ט האט אויסגעבראכן די ביטערע צווייטע וועלט קריג. די יונגע בתי'לע איז געליגן אין שפיטאל מיט א שווערע לונגן אנצינדונג. אלע קראנקע האבן געדארפט אוועקפארן מיט א באן. זיי זענען אנגעקומען צו סאמארקאנד. בתי' האט זיך ברוך ה' ערהוילט, אבער די מלחמה איז אנגעגאנגען אין פולן שוואונג. עס איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט צוריקצופארן קיין קיעוו צו די משפחה.*

*און יעצט לייינט ווייטער:*

אין יענע תקופה אן קיין טעלעפאנען איז נישט מעגליך זיך פארצושטעלן די זארג און פחד פון טאטע מאמע, ווען זיי האבן איבערגעלאזט א שטוב מיט זיבן יונגע קינדער אינמיטן א מלחמה זאנע.

דאס לעבן אין סאמארקאנד איז נישט געווען גרינג. די מייזליקס האבן נישט געהאט קיין ארבעט און נישט קיין געלט. וואוילע אידן האבן פראבירט צו העלפן און געבן פון זייער אייגענע ארימע מאלצייטן וואס האבן אויך נישט געקלעקט פאר זיך.

די אידן אין סאמארקאנד זענען געווען ערליך און שומר תורה ומצוות און ארויסגעוויזן שעצונג צו ר' יעקב וואס האט פארגעלערנט שיערים פאר די אידן אין סאמארקאנד.

מיט די צייט האבן פליטים אנגעהויבן שטראמען קיין סאמארקאנד. די קהילה וועלכע איז אליינס געווען זייער ארים האט נישט געקענט צופיל ארויסהעלפן די פארפלאגטע אידן.

דאס לעבן דארט איז געווען זייער ארים, אן געהעריגע וואסער און הייזער. יעדער איז שמוץ און קרענק געווען איבערגענוג. אזוי האט מען פראבירט צו "לעבן" אין די ארימע און שווערע אומשטענדן.





ש. טראכטער

די ערשטע שטיק צייט האט מען נישט געהערט קיין שום נייעס פון קיעוו. אינמיטן ווינטער תש"ב האט אנגעהויבן קומען שרעקליכע שמועות אז אום יום כיפור האבן די נאציס ימ"ש אויסגע'הרג'עט אלע אידן פון קיעוו רח"ל הי"ד.

זיי האבן נעבעך אויסגע'שחט'ן אלע אידן אויף איינמאל מיט די הילף פון די אוקריינא רוצחים. די רשעים האבן איינגערעדט פאר די דערשראקענע אידן אז ווער עס וועט קומען צו די פארזאמלונגס ארט וואס זיי האבן גערופן "באבי יאר" וועט מען געבן די רעכט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל.

כאטש מען האט שוין געהערט פון די דייטשע רציחה האבן די אידן אין ווילדסטן חלום נישט געקלערט ווי ווייט די רציחה דערגרייכט און אז זיי וועלן אזוי אויס'שחט'ן הונדערט טויזנט אידן אין איין טאג הי"ד.

די אידן וואס האבן זיך איינגעזאמלט דארט זענען נעבעך גלייך דערשאסן געווארן דורך די רשעים. נקום נקמת דם עבדיך השפוך.

די זעקס זון פון ר' יהודה לייב זענען אויך דארט אומגעקומען על קידוש ה'.

אין טאג פון תענית אסתר תש"ב האט ביילא מייזליק געהאט א חלום וואס האט איר צעשטורעמט. זי האט גע'חלומ'ט ווי זי שפאצירט אויף'ן גאס און זי זעט ווי עס גייט א לוי'. אין חלום האט זי אפגעשטעלט איינע פון די באטייליגטע און זיך נאכגעפרעגט ווער דער נפטר איז. יענער האט איר געענטפערט, "א יונגע פרוי מיט'ן נאמען ליפשא מייזליק.

ביילא האט זיך אויפגעוועקט דערשראקן. דערנאך איז זי איינגעשלאפן א צווייטע מאל און זיך ווידער גע'חלומ'ט די זעלבע חלום.

אינדערפרי האט זי דערציילט איר חלום פאר איר מאן ר' יהודה לייב. זייט יענעם טאג האט ער אנגעהויבן זאגן קדיש נאך איר.

ווי פעלזן פעסטע ערליכע אידן האבן ר' יהודה לייב און ביילא קיינמאל נישט געהאט קיין תערומות אדער קשיות אויפ'ן אייבערשטן.

מוהרא"ש שרייבט אן א צאל מאל: "למה? יאמרו הגוים..." פארוואס? דאס פרעגן די גוים.

ר' נתן האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן וואס טוט מען ווען עס איז גאר ביטער? האט דער הייליגער רבי' געזאגט, "אז עס איז גאר ביטער איז מען זיך אינגאנצן מבטל." און וואס איז ביטול? צומאכן די מויל און די אויגן. נישט האבן קשיות אויפ'ן אייבערשטן.

די רחמנות פון באשעפער איז ווייט העכער פון וואס אונזער מענטשליכע שכל קען פארשטיין. דעריבער איז אפילו נישט שייך צו פרעגן אדער פראבירן צו פארשטיין. ווען משיח וועט קומען וועט זיין "ומלאה דעה את ה'" די גאנצע וועלט וועט פול ווערן מיט הקב"ה און דאן וועלן מיר זען אז אלעס איז געפירט געווארן מיט א פונקטליכע חשבון.

אין די זומער פון תש"ג האט אויסגעבראכן א שווערע מגיפה אין סאמארקאנד. ר' יהודה לייב און ביילא זענען ביידע באזונדער געווארן קראנק און געדארפט פארברענגען פיל צייט אין שפיטאל, ראנגלדיג זיך צווישן לעבן און טויט.

בתי' זייענדיג א יונג קינד פון אונטער זיבן יאר איז געלאפן צווישן איין שפיטאל צום צווייטן באדינענדיג איר קראנקע טאטע און מאמע..

גוטע אידן האבן רחמנות געהאט אויף די יונג קינד און איינער האט איר געגעבן א מאלצייט און א צווייטער א געלעגער, אבער די יונגע בתי' האט געמוזט אויפוואקסן זייער שנעל.

ווען די מאמע איז ענדליך אהיימגעקומען פון שפיטאל איז זי געווען זייער אפגעשוואכט. ליידער איז נישט געווען קיין קרעפטיגע עסן וואס זאל איר קענען שטארקן. נאך זייענדיג אין שפיטאל ווי מען האט געגעבן פאר די מאמע עסן, האט זי אפגעזאגט די עסן צוליב דעם וואס עס איז נישט געווען כשר.

אין זייער געגנט האט געוואוינט א איד וואס איז אנטלאפן פון פוילן. ער איז געווען א וואוילער מיט א גוט הארץ. דער איד איז ליידער נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות און ער האט געפירט א רעסטוראנט וואס איז נישט געווען כשר. איין טאג איז ער אריינגעקומען באזוכן די מאמע מיט אביסל מילך און זעענדיג אז דאס הויז איז ליידיג פון עסן האט ער אנגעטראגן פאר ביילא, "מרת מייזליק איר מוזט עסן, כדי צו זיין א געזונטע מאמע צו אייער בתי'לע."

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. טראכטער



# קוק אויפן ציל!

אַ יום טוב נאכמיטאג האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויף א שפאציר נאך די סעודה צו הנאה האבן פון די שיינע וועטער. מיר האבן אנגענעם פארברענגט בשעת די קינדער ווילן אלע שטופן די בעיבי' אין קערידזש. מען האט זיך איינגעטיילט, אפאר מינוט יעדעס קינד.

אונזער כמעט פיר יעריגע האט אויך נישט אויפגעגעבן דערויף, אפילו ער איז נאך צו קליין און קען נישט קאנטראלירן א וועגעלע וואס איז אזוי גרויס ווי אים... (doona)

מיר האבן אים געגעבן די גוטע געפיל אז ער קען, בשעת מיר שטייען ביי די זייט צו מאכן זיכער אז ער פארט נישט אריין אין קיין ביימער און שטיינער. עס האט אבער נישט צופיל געהאלפן און מיט דעם אלעם האט די וועגעלע אנגעהויבן גיין רעכטס און לינקס און צוריק רעכטס. מיין מאן איז צוגעגאנגען צום קינד און אים געלערנט וויאזוי צו פירן א וועגעלע. "קוק נישט אויף די וועגעלע," האט ער אים מסביר געווען, "קוק וואו דו ווילסט אנקומען, ווייל דארט וואו דו קוקסט, דארט וועסטו פארן."

שפעטער האט מיר מיין מאן געזאגט אז די כלל האט ער געהערט ווען ער האט זיך געלערנט דרייוון. דער וואס האט אים געלערנט האט אים געזאגט א כלל (דער ראש ישיבה חזר'ט דאס זייער אסאך), "דארט וואו די פאקוס פון א מענטש איז, דארט וועט ער סוף סוף אנקומען. ממילא קוק נישט צו די קאר פון דיין רעכטע זייט - אפילו דו באוואונדערסט די טייערע מאדעל, ווייל דו קענסט באלד אריינקראכן אין אים. קוק אלעמאל אויף די ראוד פארנט פון דיר, וועסטו זיך האלטן אויף די גוטע וועג און אנקומען ווייט."

דאס איז א שטארקע כלל אין לעבן. א מענטש דארף אלעמאל קוקן אויף די וועג פאראויס און אזוי וועט ער זיך האלטן אויפ'ן דרך הישר.

דאס לעבן איז א גאלאפ, מען לויפט און לויפט און לויפט, און דער מענטש שטייט אינדערמיט און פרובירט מיטצולויפן, טאג, נאכט, שבת, יום טוב, זומער, ווינטער, יעדע תקופה ברענגט מיט זיך זיין אייגנארטיגע גאלאפ, זיין אייגנארטיגע מעניו פון אלעס וואס דארף ווערן מסודר און ערלעדיגט, און עס איז אזוי גרינג צו ווערן פארשלעפט און פארגעסן "מה חובתי בעולמו" וואס איז מיין חוב אויף די וועלט? פארוואס ארבעט איך? פארוואס טו איך דאס אלעס? וואס איז די ציל פון די וועלט?

דער רבי האט אונז שוין געלערנט, "איין זאך זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט זיך נישט נארן."

איך זאגט אונז דער הייליגער רבי אז דער יצר הרע איז געגליכן צו א קינד וואס לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט און רייצט אן אלע קינדער "ווייסט וואס איך האב אין די האנט?" און צום סוף שטעלט זיך ארויס אז ער האט דארט גארנישט, נאר אומזיסט זענען אים אלע נאכגעלאפן מיט נייגער.

זייער אפט זעט מען מענטשן לויפן און לויפן, טוען און מאכן, קאכן און באקן, טוען איינקויפן און מאכן שמחות, אבער מען ווייסט נישט פארוואס, פארווען, פארוועם.

דער רבי לערנט אונז זיך איבערצוגעבן צום אייבערשטן. גלייך אינדערפרי, נאך איידער מען הייבט אן די טאג, גלייך נאך מודה אני, זאגט מען ארויס, "באשעפער איך געב זיך איבער צו דיר, מיינע מעשים, מחשבות און דיבורים, אלעס און אלע וואס זענען אנגעהאנגען אין מיר, אלעס געב איך דיר איבער."

מיט אזא הקדמה ווייסט מען שוין "ולאן אתה הולך?" וואו גיי איך? איך גיי טון רצון ה'

א תלמידה האט מיר אמאל געפרעגט: "איך בין צעמישט, יעדע לערערין זאגט אז עפעס אנדערש איז די תכלית, די ציל, (לויט איר לימוד...) זי וויל וויסן, "וואס איז טאקע די ציל פון א איד אויף די וועלט?"

איך האב א געלעגנהייט אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה די שאלה און דער ראש ישיבה האט געענטפערט: "דער ציל איז טון די ווילן פונעם אייבערשטן, נאר פאר דעם זענען מיר דא, טון וואס דער אייבערשטער הייסט."

אז מען האלט דאס פאר די אויגן און מען קוקט ארויף צום אייבערשטן, ווערט מען אנקומען דערצו. מען ווערט אנקומען צו לעבן מיט תכלית, מיט אמת, מיט'ן אייבערשטן. ווייל דארט וואו דו צילסט, דארט ווערסטו אנקומען.

אז מען ווייסט אז די ציל איז צו טון רצון ה', ווערט די טאג אנדערש. לויפן, קויפן, מאכן, קאכן, באקן, וועש, לייגן שלאפן די קינדער און אלעס אינצווישן ווערט לייכטער און גרינגער, ווייל איך ווייס אז דאס איז אלעס א חלק פון מיין ציל.

דער רבי זאגט אז די מענטש דארף זייער היטן זיינע מחשבות, ווייל ווי העכער אן עבר, אלץ ווייטער גרייכט איר כח. און די מח - וואס איז די העכסטע, גרייכט די ווייטסטע. דארט ווי דיין מחשבה איז דארט ווערסטו אנקומען.

דעם פארגאנגענעם זומער זענען מיר געפארן קיין ניו העמפשיר מיט די קינדער. עס איז אויסגעקומען אז די פלאץ ווי מיר זענען איינגעשטאנען איז געווען ווייטער ווי די תחום שבת אנצוקומען צו די שול. ערב שבת איז מיין מאן געגאנגען מיט די קינדער עסן, אזוויי די הלכה אז מען זאל קענען גיין אום שבת.

שפעטער האט ער מסביר געווען פאר די קינדער וואס האבן געוואלט



פארשטיין, וואס העלפט צו לייגן עסן? ווייל די מענטש איז דארט ווי זיין מחשבה איז, אויב לייגט מען אראפ עסן אויף א געוויסע פלאץ, איז די מחשבה דארט, איז כאילו מען וואוינט דארט.

דאס איז א שטארקע חיזוק. אמת, איך שפיר צומאל אזוי ווייט, עס איז ריכטיג אז איך דארף נאך אסאך חיזוק צו זיין א גוטע מאמע, א גוטע ווייב, אויסצוארבעטן מיינע מדות, לעבן מיט התבודדות, לעבן מיט די עצות און מער, אבער איך בין זיך מחזק אז א מענטש איז, דארט ווי זיינע מחשבות זענען. מיין מחשבה איז ביים אייבערשטן, מיין מחשבה איז ביים צדיק, מיין רצון איז גוט. דאס איז דאך דער עיקר, ווי מיר ווייסן, ממילא אז מיין מח מחשבה איז ביי גוטע פלעצער ווייס איך אז צום סוף וועל איך דארט אנקומען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט דעם פארגאנגעם יום טוב פסח "פתחי לי שערי צדק, ווען א מענטש בעט זיך ביים אייבערשטן, מאך מיר אויף די טויערן, איך וויל זיין גוט, ענטפערט מען אים, "זה השער לה'" דאס איז די וועג אנצוקומען צום אייבערשטן, בעטן און בעטן און בענקען און ווארטן און ווילן זיין גוט. גוטע רצונות ברענגען גוטע רעזאלטאטן.

יעצט אז די וועטערס ווערן ווארימער און די ביימער הייבן אן צו בליען, ווערט ווארעם אויפ'ן הארץ. דער רבי האט אמאל געזאגט "עס איז גוט צו זיין פרום צווישן די ביימער." עס איז נישטא קיין בעסערע עולם הזה ווי זיצן אונטער א שיינע בלויע הימל מיט גרינע ביימער ארום און זיך אויסרעדן דאס הארץ פאר'ן באשעפער, אים דערציילן ווי שטארק איך וויל זיין גוט, וויפיל איך פאל אדורך און וואס מיין אמת'ע מחשבה איז, וואו איך וויל באמת אנקומען.

און אז מען האלט פאקוס אויף די ראוד פאר זיך, נישט אויף צוריק, נישט אויף די זייט, נישט פון וואו איך קום, נאר ווי איך גיי, וועלן מיר מיט'ן אייבערשטן'ס הילף אנקומען דארט.

א טריט נאך א טריט, א טאג נאך א טאג, א דיבור נאך א דיבור און מיר וועלן אנקומען ווייט ווייט!




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

ג. פעקעטע



# די ברויט האט געראטעוועט!

אזוי יונג און העלדיש איז געווען יעקב, א בחור'ל נאך די בר מצוה יארן. ס'איז געווען זייער שווערע צייטן, די מלחמה האט געהאלטן אינמיטן פלאמען אויף די ערד פון אייראפע. אן עת צרה פאר גאנץ כלל ישראל. שווערע טעג און נעכט אנגעפילט מיט זארג אויפן עתיד, נישט וויסנדיג וואס די נעקסטע פרי מארגן וועט ברענגען, נייע געזעצן, נייע דעפארטאציעס, אדער חלילה נאך ערגערס, דאס אומגעוואונטשענע וואס מען האט אפילו נישט געוואלט נעמען אין באטראכט. אזוי מיט שרעק האט יעקב געלעבט זיינע יונגע בחור'ישע יארן.

געווען איז עס איין טאג, יעקב האט געהאט א הארץ פון פוטער, כאטש קיין פוטער אויפן ברויט איז נישט געווען צו באקומען, און פאר א קליין ביסל ברויט האט מען פיל פלאג און מיה, און אין גרויס סכנות נפשות געדארפט זיך איינשטעלן, זיך צו קענען איינהאנדלען עפעס צו בלייבן ביים לעבן.

אבער יעקב מיט זיין פוטערדיגע הארץ האט געזען א געלעגנהייט, און באשלאסן זיך ארויפצוכאפן אויף דעם. יעקב האט געהאט ביי זיך אין באזיצט א שאכטל ברויט פארשאפט פון ערגעץ. ברויט איז דאך געווען לעבן אין יענע צייט, ווען די הונגער האט ביי יעדן געווירבלט טאג און נאכט, ווען א שטיקל שאלאכטץ פון א קארטאפל איז געווען א מציאה גדולה, און אן אלטע פארטרוקנטע מייער, איז דאך געווען מער ווערד פון אלעס אויף דער וועלט!!! דא טרעפט זיך יעקב מיט א גאנצע שאכטל ברויט,

און ער האט מיט דעם געוואלט מקיים זיין די מצוה פון הצלת נפשות - ראטעווען מענטשן וואס האלטן ביים אויסגיין על קידוש ה', פון גרויס הונגער.

די רוצחים - די נאצי'ס ימ"ש האבן אויפגעשטעלט גרויסע ווענט איינצוזימען די אידן פון שטאט, זיי האבן ארום געצוימט די אידן אין לאגערן. די ווענט ארום איז געווען הויער, שטארק באפעסטיגט און ארומגענומען מיט שטעכל דראטן. ארויסצוגיין לעבעדיג פון דארט איז געווען אוממעגליך.

יעדע פאר פיס זענען געשטאנען די רוצחים, אויסגעשטרעקט מיט זייערע לאנגע רעוואלווערס גרייט צו שיסן אויב איינער טראכט נאר פון גיין נאנט.

יעקב האט פון דאס אלעס געוואוסט, אויך האט ער געוואוסט די שטראף פאר איינער וואס וואגט זיך צו גיין קעגן די נאציס ימ"ש. אבער דאך, ס'האט געברענט אין אים זיין אהבת ישראל, זיין רחמנות געפילן פאר זיינע ברידערס איבערן וואנט, אזוי צאמגעווארפן, צאמגעדריקט אין די ערגסטע אומשטענדן, וואס גייען אויס פון גרויס הונגער.

ער האט גענומען זיין שאכטל ברויט, און ווען ער האט געקלערט אז די שומר ביים וואנט איז פארטראכט, צו פארדרימלט, האט ער געטון די געוואגטע שריט, און געגעבן א שיס אריבער די ברויט. זיינע ברידער זאלן די נעקסטע פאר טעג האבן מיט וואס זיך צו האלטן ביים לעבן.

די מצוה איז אים געלונגען, אבער ס'האט זיך אנגעהויבן א סכנה פאר יעקב'ס לעבן.

דער סאלדאט קוקט אויס איז נישט געשלאפן, און ער האט פונקטליך באמערקט וואס ס'האט פאסירט.

יעקב האט געמאכט פליטה און אנטלאפן דורך די געסעלעך מיט די נשמה אין די האנט. ער האט פראבירט זען וואו ער קען זיך אויסבאהאלטן פון א זיכערע טויט, אויב פאלט ער אריין אונטער די נעגל פון דעם רוצח. אזוי לויפנדיג האט ער באמערקט א בנין, וואס ער האט געקלערט אז ער וועט זיך געבן א כאפ אריין, און האפענטליך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, וועט ער זיך דא קענען אויסבאהאלטן ביז דער בלוט זוכער וועט אים נישט קענען געפינען.

יעקב לויפט אריין אין די קארידארן פון דעם בנין, ער פראבירט אפאטעמען, אבער זיין מזל קוקט אויס האט נאכנישט געשיינט, א מינוט דערויף געבט זיך די טיר א שטויס אויף און פאר זיינע אויגן זעט יעקב דעם נאצי, וואס איז אים נאכגעלאפן. עס שפריצט פונקען פייער פון זיינע אויגן, ער שרייט קולי קולות "וואו איז ער? וואו איז ער?" מיט זיין לאנגע רעוואלווער אויסגעשטרעקט אין זיין האנט, גרייט צו שיסן. ווארפנדיג זיך אינעם ווינקל, האט יעקב געשעפשעט תפילות צום אייבערשטן, צו אפגעראטעוועט ווערן פון די זיכערע טויט.



דער נאצי ימ"ש איז אים דורכגעלאפן מיט די אויסגעשטרעקט רעוואלווער, אזוי אריינלויפנדיג דורך די קארידארן זוכן זיין קרבן, ער שרייט הויך "וואו איז ער? וואו איז ער? איך האב אים געזען דא אריינגיין", ער לויפט אהין און צוריק, דורך לויפענדיג דער יונגער ווארפענדיגער יעקב, איינמאל און נאכאמאל... און דאן האט פאסירט דאס אומגלויבליכע! דער נאצי ימ"ש האט ארויסשפאצירט פון דארט א דערשלאגענער, ער האט אים בכלל נישט געזען.

אזוי האט דער אייבערשטער אפגעהיטן זיין אידיש פאלק דורכאויס די שווערע יארן, ווען עס האט געברענט די גאנצע לאנד אייראפע. יעקב האט זוכה געווען דורכצולעבן די מלחמה, זיך באזעצן אין ארץ ישראל וואו ער האט אויפגעשטעלט א שיינע משפחה. יארן שפעטער האט ר' יעקב געמופט קיין אמעריקע וואו ער האט זיך באזעצט אין די שטאט בארא פארק. אין יענע יארן איז ער, צוזאמען מיט הרה"ג רבי יחזקאל רוטה זצ"ל - זיידע פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס איז און יענע יארן געווען דער דיין אין סאטמאר, געווען די איינציגסטע 2 שטאלצע אידן וואס טראגן ווייסע זאקן לכבוד שבת.

אזוי האט ער אנגעהאלטן זיין שטארקייט אין אידישקייט און אויפגעשטעלט א שטוב פון ערליכע אידן, יראים ושלמים

אבער די מעשה מיט

די ברויט האט זיך נישט דא געענדיגט; ביים שידוך שליסן פון איינע פון זיינע חשוב'ע זון, האט מען געשמועסט מיט די מחותנים אינדרויסן. ר' יעקב האט פארציילט די האר אויפשטעלנדע מעשה, ווי אזוי דער אייבערשטער האט אים אפגעראטעוועט אין לאגער, ווען ער האט אריבערגעווארפן די שטיקל ברויט. דער מחותן - א חשוב'ער איד - הרב נפתלי לעבאוויטש שליט"א, האט זיך ממש צופייערט, און פרעגט אים: "ר' יעקב, איר ווייסט וואו די ברויט איז געגאנגען? איך האב עס געכאפט אין מיין האנט!" אזוי איז די שידוך געשלאסן געווארן שוין יארן פארדעם, אזוי ווי מיר ווייסן דער אייבערשטער איז מזווג זיווגים, נאך איידער די נשמה קומט אראפ דא אויף די וועלט.

אלע יארן האט מען געקענט ר' יעקב אלס א חשוב'ער איד, א ירא שמים, א תלמיד חכם, און א איד וואס האט געפירט געשעפטן מיט צדק ומשפט. ער פלעגט גיין אויפן גאס מיט די אויגן אראפגענידערט, און שפאצירט שטאטלעך זיך צו היטן זיינע טריט. מען פלעגט אים נאכשרייען 'ר' יעקב' אפט מאל, אבער ער האט זיך אויף קיין שום פאל נישט ארומגעדרייט, נישט וועלנדיג זען אן איבריג בליק.

אין די שפעטערע יארן האט ר' יעקב זיך אריבערגעצויגן קיין וויליאמסבורג, וואו ער האט געהאט א שיינע דירה אויף א פארנומענע גאס, הארט קעגן א חתונה זאל, א גאס פול מיט געשעפטן, מען קומט און מען גייט דארט אלץ דורך איינצוקויפן. אבער ר' יעקב האט אין קיין פאל זיך נישט ארויסגעזעצט אין זיין פארטש, נישט צו דארפן געבן קיין איבריג בליק. די פאראהאנגען ביים פענסטער זענען אלץ געווען פארמאכט.

אין די עלטערע יארן האט מען אים געזאגט אז פאר זיין געזונט אויס מוז ער אביסל ארויסגיין שעפן פרישע לופט, אבער ער האט נישט געוואלט דורך שעפן לופט אפ'הרג'ענען זיין הייליגע נשמה, מיט'ן זען א ראי' אסורה. האט מען אים געדארפט איבעררעדן ער זאל ארויסקומען זיצן. ער האט עס געטון נאר אויפן תנאי אז זיין רוקן איז געווען צום גאס און ער האט געזען דאס וואנט פון זיין הויז.

ווען ר' יעקב איז שוין געווען אין די העכערע אכציגערס, איז ער געפארן צום אויגן דאקטער. אין די עלטערע יארן פעלט אויס צומאל אריינצוטראפן אין די אויג א ספעציעלע טראפ, וואס זאל העלפן מען זאל קענען ווייטער זען - ווען די אויג ווערט פארעלטערט. דער דאקטער קומט אריין, גרייט זיך אים אונטערצוזוכן. פלוצלונג האט דער דאקטער א שריי געטון. זיי האבן זיך געוואונדערט וואס איז דא אונטער געקומען..

דער דאקטער רופט אויס: "אין מיינע פיל לאנגע יארן אין דאקטעריי, וואס איך זע פאציענטען'ס אויגן, האב איך קיינמאל אזא קלארע, לויטערע, ריינע אויג געזען, מען קען אריינזען גלייך ביז'ן מח, ס'איז נישטא קיין אין פינטל שמוץ אין די הייליגע אויג פון ר' יעקב!" דער דאקטער האט צוגעלייגט אז ער האט נאר איינמאל געזען אזא לויטערן אויג, דאס איז הגאון רבי יהודה זאב סגל זצ"ל ראש ישיבת מאנטשעסטער.

דאס איז געווען ר' יעקב פעקעטע זצ"ל - מיין זיידע..

איך האב געהערט א ווארט; "יחוס איז נישט א זאך זיך אויפצוטון דערמיט, נאר עס איז אן אחריות וואס מאנט עפעס פון די דורות"

וואס קען איך טון צו האבן הייליגע אפגעהיטענע אויגן? ס'קומט מיר ארויין די ניגון וואס דער ראש ישיבה זינגט 'היט מיר מיינע אויגן, היט מיר מיינע אויגן, היט מיר מיין מחשבות, היט מיר מיין מחשבות'.

אויבן אויף איז עס קלאר, מען בעט א תפילה צום אייבערשטן 'הייליגער באשעפער, היט מיר מיינע אויגן', אנדערש ווי מענטשן זענען געוואוינט און גלייבן אז שמירת עיניים איז נאר פאר מענער, אבער פרויען האבן אויך א גרויסע אחריות אין די הינזיכט, מיר דארפן האבן הייליגע אויגן, קוקן נאר אויף גוטע זאכן, אויף וואוילע זאכן, און נישט אין קיין שלעכטע זאכן - וואס ווערט אונז פאר'תמ'ען די מח, און פארטונקלען די אויגן - מיר זענען דאך די מאמע'ס פון די צוקומפטדיגע גדולי הדור. אויכעט בעטן מיר אויף אונזערע מענער און קינדער, זיי זאלן האבן הייליגע אויגן, נאר קוקן אין די הייליגע תורה..

אבער אהיימצונעמען די לימוד פון הייליגע אויגן, האב איך געהערט א חבר'טע זאגן: אז מען היט זיך די אויגן פון קוקן וואס טוט זיך ביי יענעם, וואס טוט זיך אין די גאסן, וויאזוי איז היינט די וועג וואס יעדער איינער טוט... קען מען האבן אפגעהיטענע מחשבות. מען איז נישט אזוי פארנומען צו זארגן וואס יענער וועט זאגן, אדער מיינען, אדער טראכטן, אדער נאכטון פונקטליך וואס יענער טוט. מען היט זיך די אויגן און מען פירט זיך לויט ווי אזוי מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע חשוב'ע עלטערן, אונזער באבעס און זיידעס, און גייען לויט די וועגן פון צדיקים.

**לע"נ ר' יעקב בן ר' משה יחיאל – נפטר ב' אייר תשפ"ד.**

# Chocolate Chip Cookies

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 2 EGGS.
- 3/4 CUP OIL .
- 3/4 CUP SUGAR.
- 3/4 BROWN SUGAR.
- 1 T VANILLA SUGAR.
- 2 1/2 CUP FLOUR.
- 3/4 T BAKING POWDER.
- 3/4 T BAKING SODA.
- PINCH SALT.
- BAG CHOCOLATE CHIPS.

## DIRECTIONS:

- PREHEAT THE OVEN TO 350.
- MIX ALL INGREDIENTS IN A BOWL.
- BAKE FOR 12 MINUTES.

(U CAN ALSO BAKE IT IN A 9X13 PAN AND CUT INTO SQUARES)



מ. פאפענהיים

# אונזערע אמת'ע פיינט



אין א שיינעם חול המועד טאג, זענען מיר ארויסגעגאנגען אויף א באזוך אין אלט שטאט, אין ירושלים עיר הקודש. מיר האבן זיך געדרייט אין די שמאלע געסאלאך, און געטראטן אויף די שטיינדעלער אויף וועלכע אזויפיל גדולי ישראל האבן געטראטן, מיר האבן באטראכט די היסטארישע שולן וועלכע זענען געווען פול מיט דורכגעווייקטע ערליכע ירושלימ'ער אידן וואס האבן גארנישט געדארפט אויסער זיצן און לערנען.

מיר האבן באטראכט די חצרים וואו אונזערע באבעס זענען געזעצן און געוואשן וועש און די קינדערלעך זענען לוסטיג ארום געלאפן, געפלאטשקעט אין די וואסער, און זיך געשפילט מיט העלצעלעך און שטיינדעלעך.

מיר זענען אבער נישט געווען די איינציגסטע, עס זענען געווען דארט נאך משפחות וועלכע האבן אויך הנאה געהאט פון דעם שיינעם וועטער און האבן אויך אויסגענוצט דעם טאג פאר א הערליכן שפאציר, עס איז געווען געסאלאך וואס זענען געווארן אינמיטן אזוי פול מיט מענטשן אז מיר האבן אנגעהויבן זוכן א שטילערן ווינקל וואו צו קענען פארברענגען אונזער משפחה רואיגערהייט אן צו ווערן געשטערט פון פרעמדע.

מיר האבן זיך געדרייט אביסל אין די געסעלעך זוכנדיג וואו ס'איז שטילער, אבער מיט איין שלעכטער דריי האבן מיר זיך פלוצלונג געטראפן צווישן אראבער, די געסלעך זענען געווען אביסל שטילער, אבער א חלק זענען אויך געווען פול מיט אראבער, אן קיין אידישן צורה פאר די אויגן

א שרעק איז אונז באפאלן, מיר האבן פארבלאנדזשעט אין אראבישן פערטל און נישט געטראפן דעם וועג ארויס, זעענדיג נאר אראבער און אראבקעס, גרויסע און קליינע, א שארפער גרוך פון שווארצע קאווע און ציגארעטלעך, מיט גרויסע

נארגילא'ס, און פיתות מיט חומוס און פאלאפעל, דאס אראביש האט געקלונגען אין די אויערן, און אונז געמאכט שפירן זייער פארלוירן און דערשראקן. פון יעדע שראך איז א צווייטער אויפגעשפרונגען, דערשרעקנדיג די גאנצע משפחה; נאך לאנגע אנגעצויגענע מינוטן, האבן מיר באמערקט אפאר פאליציאנטן דארט, זיי האבן אונז גערן געגעבן די אנווייזונגען וואו ארויסצוגיין, און מיר האבן שטילערהייט אפגעאטעמט.

אנקומענדיג אהיים נאכן הערליכן באזוך, האט מען איבערגעשמועסט אלע שיינע זאכן וואס מ'האט געזען, די קינדער האבן גערעדט מיט התפעלות פון דעם הויכן דאך פון די חורבה שול, און פון די שמאלע געסלעך וואו א קאר קען אפילו נישט אריינפארן. עס איז אויך ארויפגעקומען דער שרעקעדיגער אינצידענט פון דעם אראבישן קווארטל, און איינער האט זיך אנגערופן: "נאך א נס אז די פאליציאנטן זענען דארט געווען, ווען נישט וואלטן אונז נאך געבלאנדזשעט ביז יעצט"...

"יא, די אראבער וואלטן אונז נאך געקענט הרג'ענען"...

די לעצטע זאצן האט מיר אויפגעטרייסלט, מיינע קינדער זאלן טראכטן אז א ציוניסטישער פאליציאנט ראטעוועט דאס לאנד?! אבער לאמיר זיך נישט נארן, אויך איך האב געהאט אזא געפיל.

"קינדערלעך!" האב איך זיך אנגערופן צו זיי - "מיר האבן געזען דעם חצר וואו אונזער עלטער באבע האט געוואוינט, אמת?"

"יא" האבן זיי צוגעשאקלט מיטן קאפ, "א שמאלער חצר מיט אסאך טירן"...

"ענק געדענקען איר שוין נישט, אבער, ווען איך בין געווען א מיידל, און איך בין איר געגאנגען באזוכן, האט זי מיר אסאך מאל דערציילט ווי אזוי זיי האבן געלעבט אמאל, זי האט מיר דערציילט ווי אזוי מ'האט געוואשן וועש מיט די הענט, און אסאך מאל זענען אראבקעס געקומען טון די שווערע ארבעט."

יואליש האט געעפנט דערשראקענע אויגן: "זיי האבן נישט מורא געהאט פון די אראבער?"

"ניין!" דערצייל איך זיי "די אידן האבן געוואוינט זייער נאנט צו די אראבער, און די אראבער האבן זיי גארנישט געטון, אונזערע באבעס און זיידעס האבן אפילו געקענט רעדן אראביש, און די אראבער פלעגן אסאך מאל העלפן די אידן! ווען אונזער באבע וואלט געבלאנדזשעט, וואלט זי רואיג געקענט בעטן פון א אראבקע אנווייזונגען ווי אזוי צו טרעפן די וועג!

"אבער ווי קען זיין?" פארשטייט נישט נתי, "ס'שטייט דאך עשו שונא ליעקב, די גוים האבן אייביג פיינט די אידן!"

"אמת! די גוים האבן פיינט די אידן, אבער ס'שטייט אז עשו האט פיינט, און נישט ישמעאל, די אראבער זענען ישמעאלים, יארן לאנג האבן די אידן געוואוינט נעבן אראבער, און די אראבער האבן זיי נישט געטשעפעט. די אראבער זענען אייביג געווען ליגנערס און גנבים, אבער זיי האבן נישט אזוי פיינט געהאט די אידן."

"איז וואס איז אינמיטן געשען?" וויל יענקי וויסן "פארוואס היינטיגע צייטן הרג'ענען די אראבער אסאך אידן, און זיי מאכן מלחמות?"

"ווען ס'זענען געקומען די ציונים, און האבן אנגעהויבן צו רודערן אין די וועלט אז זיי ווילן בויען א לאנד פאר די אידן, זענען די אראבער געווארן זייער אויפגערעגט, און פון דעמאלט זוכן זיי וואס מער צו שלעכטס טון פאר די אידן..



אונזער באבע האט געוואוינט אין אלט שטאט, ביז די ציונים האבן דארט אנגעהויבן א מלחמה, די ציונים האבן געוואלט צונעמען ירושלים פון די אראבער, און די אראבער האבן זיי עס נישט געוואלט געבן, האבן די ציונים געזאגט אז מען גייט זיך נישט לאזן! מען גייט זיך קריגן מיט די אראבער! די אראבער זענען געווארן אויפגערעגט, האבן זיי כמעט אויסגעהרג'עט אלע אידן פון ירושלים, ביז די רבנים זענען ארויסגעגאנגען מיט א ווייסן פאן זיך אונטערגעבן צו די אראבער. יעצט האבן זיך די ציונים אויפגערעגט אויף די רבנים, די ציונים פאלגן נישט וואס ס'שטייט אין די תורה, און זיי האבן געזאגט, אז ס'איז נישט געפערליך אז די אראבער הרג'ענען פרומע אידן רח"ל. אבער אז די רבנים האבן זיך אונטערגעגעבן האבן די אראבער נישט גע'הרג'עט די אידן, נאר זיי האבן פארטריבן אלע אידן פון זייער שטוב, אינדרויסן פון אלט שטאט."

"אויב אזוי - זאגט יואליש - קומט אויס אז די פאליציאנטן פון די ציונים געבן בכלל נישט אכטונג, נאר פונקט פארקערט, צוליב וואס ס'איז דא א מדינה מיט מיליטער, צוליב דעם הרג'ענען די אראבער אסאך אידן."

"ממש אזוי", שאקל איך צו מיטן קאפ, "די ציונים רייצן אויף די אראבער, די אראבער ווערן אויפגערעגט, דערנאך הרג'ענען זיי. קומען די ציונים און כאפן די אויפגערעגטע אראבער און זאגן, ענק זעען? מיר כאפן די שלעכטע גוים זיי זאלן נישט שלעכט'ס טון..."

די קינדער האבן ליידער צו גוט פארשטאנען, טאקע ווייל מיר וואוינען אין ארץ ישראל דארף מען זיך עס א גאנצע צייט נאכאמאל פון פריש דערמאנען, ווייל מען קען זיך באמת צומישן.

איינס פון די שטארקע זאכן וואס צומישן זייער די ריינע השקפה, איז די נייעס וואס קומט פון ציוני'סטישע קוועלער. נישט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט א באקאנטע פון חוץ לארץ, זיי האבן זיך פאראינטערעסירט אין די מלחמה (וואס איז באמת נאר אויף די נייעס), און זיך צוקרעכצעט אויף די פילע מלחמות אין די וועלט, "מען דארף מתפלל זיין - האבן זיי געשאקלט מיטן קאפ - אז ס'זאל שוין זיין שלום; רוסלאנד זאל מאכן שלום מיט אוקריינע, און מדינת ישראל מיט די ארומיגע לענדער."

פאר מיר האט עס געגריצלט אין די אויערן, צו קען מען דען צוגלייכן א מלחמה צווישן צוויי גוים, און צו דעם וואס די מדינה של גהינום טוט אפ יעדן טאג? איז דען שייך בכלל אז ס'זאל ווערן שלום צווישן מדינת ישראל מיט די ארומיגע לענדער? יעדן טאג וואס די פארשאלטענע מדינה שטייט איז עס א מרידה במלכות שמים, און זיי זענען עובר אויף די דריי הארבע שבועות וואס מ'האט באשווארן די אידן פארן גיין אין גלות.

**די אידן האבן געוואוינט בייער נאנט צו די אראבער, און די אראבער האבן זיי ארגיסט געטון, אונטערע באבעס און זיידעס האבן אפילו געקענט רעדן אראביש, און די אראבער פלעגן אסאך מאל העלפן די אידן!**

ס'איז מיר געווען א חידוש צו הערן אזעלכע ווערטער פון זיי, ווען זיי זענען גאר די קנאים! זיי וואוינען נישט אין ארץ ישראל טאקע וועגן די ציונים! און זיי האבן זיך אפילו באליידיגט ווען איך האב אויסגעדריקט מיין וואונדער.

"וואס הייסט? טראמפ האט ליב אידן!"

"טראמפ האט ליב אידן, אדער ער האט ליב די מדינה?"

"אויב האט ער ליב אידן, וואלט ער געדארפט מאכן א סוף צו די מדינה וואס צוליב דעם פארגיסט זיך אזויפיל אידיש בלוט..."

"ניין... ביסט צו עקסטרעם..."

"ס'איז גארנישט איך, לייג אראפ די נייעס, און עפן א ויואל משה..."

די נייעס טראפט אריין צוביסלעך... מען פילט נישט וואס עס טוט אויפן מח, עס נעמט צו די אמונה, עס זעט אויס ווי דער פירט די לאנד, און ווי יענער מאכט חרוב די אנדערע לאנד, און אז עס מישט זיך אריין אויך די ציוני'סטישע אידיען, מיינט מען שוין פלוצלונג אז די מדינה פארטרעטן די אידן פאר די וועלט..

אין די יעצטיגע טעג פון ה' אייר דארף מען עס נאכמער אויפפרישן, ווער האט באשטימט דעם יום הזיכרון? ווער האט באשטימט דעם יום העצמאות? די וואס האבן באשטימט צו טרויערן און אזוי אויך צו פייערן, זענען ליידער געווען פארדארבענע אידן וואס האבן עובר געווען להכעיס אויף די תורה רח"ל, און אראפגעפירט מיליאנען אידן פון ריכטיגן וועג.

די היינטיגע ציונים זענען נעבעך רוב תינוקים שנשבו, זיי זענען נישט שולדיג אז זיי ווייסן נישט פון 'שמע ישראל' און פון א אידישע צורה צו זאגן, פאר אונז בלייבט נאר צו בעטן פאר זיי, פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די מדינה של גהינום זאל בקרוב אונטערגיין, און קיין שאדן פאר אידישע קינדער, און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה.




# קלאסיפיידס

## שבועות אין שטעטל

געציילטע דירות אוועילעבל צו פארדינגען אויף האשקי פאר יום טוב שבועות.

ביטע רופן ביז ל"ג בעומר

אימעיל Capraterealty@gmail.com

רופט 845-600-2557

## Summer House

4 bedroom apartment available to rent for the upcoming summer

Call 917-501-5100

## ארבעטער געזוכט

ווערט געזוכט א אחרית'דיגער אינגערמאן צו מענדעזשן א עמעזאן ווערהאויז א האלבע שעה פון שטעטל.

אימעיל mgtluxi@gmail.com

טעקסט 347-419-1400

## נאך א בעבי נאך א בעבי

צו באקומען פיינע נארהאפטיגע פרישטאג פאר קימפעטאריניס

שטיינבערג (917) 387-7838

פינטער (347)-415-2888

## Great News!

We now have Daktrin Gel and Cream.

Call 929-210-1150



# קינדער בלעטל

משפחת גליק:

**מ'גרייט זיך אויף ל"ג בעומר**

שרייב טישל:

## פארוואס האט אַ דזשיראף אזא לאנגע האלז?

# מענטשערליך

## אסתי

לייג אַריין די קינדער'ס וועש אין וואש מאשין און צינד עס אָן" האָט איר מאַמע געבעטן, אסתי איז געלאָפן מיט חשק צו טוען וואָס איר מאַמע האָט געבעטן. זי האָט אויך אַריינגעכאַפּט צו צוטיילן די איבעריגע וועש און אַוועק לייגן די וועש וואָס איז שוין געווען טרוקן, פון די פענסטער האָט אסתי געזען ווי אירע חבר'טעס פאַרברענגען געשמאַק אינדרויסן. 'נאָר איך דאַרף אייביג העלפן'. איר יצר הרע האָט זיך אויפגעוועקט און געמאַכט אַז אסתי זאָל פאַרגעסן ווי פריילעך זי איז געווען פריער צו העלפן איר מאַמע, און נאָר וועלן אַרויסלויפן שפּילן מיט אירע חבר'טעס, אסתי האָט זיך געשטאַרקט און געטראַכט, איך וועל ענדיגן די וועש, און בינזדערווייל וועל איך טראַכטן וועגן די שיינע משל פון די האַטליין און דערנאָך וועל איך גיין שפּילן.

***

ר' זלמן איז געווען אַן אָרימאַן, זיינע קינדער האָבן געהונגערט פאַר ברויט. נאָך פיל בעטן דעם אייבערשטן האָט ער געטראַכט פון אַן עצה, ער האָט זיך געזעגנט פון זיין משפּחה און זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג צו זוכן אַרבעט, ער איז געפאָרן דורך פעלדער און וועלדער אָבער אינמיטן וועג האָט ער זיך פאַרבלאָנדזשעט און אַריינגעפאָרן אין אַ געדעכטע, טונקעלע וואַלד. ער האָט נישט געקענט טרעפן די וועג אַרויס, די וואַלד איז געווען שטאַרק פינסטער, אַפילו אינמיטן טאָג איז נישט געווען קיין ליכטיגקייט דאָרט. ר' זלמן האָט ערשט מורא געהאַט אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אמונה, ער האָט אַ גאַנצע צייט געטראַכט אַז דער אייבערשטער איז אייביג מיט אים, סיי ווען עס איז ליכטיג און סיי ווען עס איז טונקל.

נאָך אַפּאָר טעג פון פאָרן אַרויף און אַראָפּ בערג און טאָל, טראַכט ר' זלמן צו זיך. 'עס איז נישט קיין געווענטליכע פינסטערניש. אפשר בין איך אָנגעקומען צו די הרי החושך?' האָט אים אויפגעבליצט אָן ענטפער צו די מיסטעריעזע טונקלקייט. די הרי החושך זענען בערג וואו עס איז אייביג טונקל. ר' זלמן האָט זיך יעצט זייער דערשראָקן. ער האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן און איבערגעזאָגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל "דער אייבערשטער איז דאָ, דער אייבערשטער איז דאָרט, דער אייבערשטער געפינט זיך אויף אַ יעדע אָרט." אַזוי האָט ער זיך געשטאַרקט און ווייטער געפאָרן.

פונדערווייטנס האָט ער געזען עפּעס ליכטיגקייט, קומענדיג נענטער האָט ער געזען אַ שטאָט מיט מענטשן.

"וואָס זוכט איר דאָ האָט מר. טונקל, דער הויפּט פון די שטאָט געפרעגט "איך זיך אַן אַרבעט", האָט ר' זלמן געענטפערט, מר. טונקל האָט אים שנעל געטראָפן אַן אַרבעט און ר' זלמן האָט אָנגעהויבן צו אַוועקלייגן געלט פאַר זיין אָרימע משפּחה.

צוויי אינטערעסאַנטע זאַכן האָט ער געזען אין די טונקעלע שטאָט. די שטיינער וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן ערד זענען געווען בליטשקעדיגע דיימאַנטן און קיינער האָט זיי אַפילו נישט אָנגעקוקט, אָבער ביליגע ליכט איז געווען זייער טייער דאָרט. ווייל עס איז געווען אַזוי טונקל האָט יעדער געדאַרפט די ליכט און געווען גרייט צו צאָלן אַ סאַך געלט דערפאַר.



בילדער ח. שטיינבערג



ווי אַ דֵיימַאנְט אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן דָארְט". ר' זַלְמָן הָאט זִיךְּ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר הָאט כָאטְשׁ אֵיין דֵיימַאנְט, דִי לִיכְט הָאט עֶר בַּאגְרָאבְּן, וַוייל עֶס הָאט גֶעשִׁימְלְט נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע וֶועג, עֶר הָאט זִיךְּ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט אַזוֹיפִיל צַייט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צוּ זַאמְלֶען בִּילִיגֶע לִיכְט, אוּן דִי אֵיין שְׁטֵיין הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

אֶסְתִּי הָאט גֶעזֶען דִי נִמְשַׁל לֶעבֶּעדִיג פַאר זִיךְּ אִין וַואשׁ - צִימֶער. אוֹיף דִי וֶועלְט זֶעהְט אוֹיס וִוי חַבֶרְ'טֶעס, שְׁפִּילְצֵייג אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶר, יֶעדֶער וִויל הָאבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ פוּן דֶעם, קֵיינֶער קוּקְט אֲפִילוּ נִישְׁט אָן דִי דֵיימַאנְטְן - מִצְוֹת, וֶועלְכֶע וַואלְגֶערְן זִיךְּ אוֹיף דֶער עֶרְד. הֶעלְפְן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע, מַאכְן בְּרָכוֹת, קִישְׁן דִי מְזוּזָה, זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶרֶע דֵיימַאנְטְן וָואס יֶעצְט זֶעעֶן זֵיי אוֹיס אַזוֹי קְלֵיין אוּן בִּילִיג, אָבֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֵיידְט זִיךְּ דִי נְשָׁמָה אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ יֶעדֶע דֵיימַאנְט וָואס זִי הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט.

אֶסְתִּי הָאט פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט גֶענוּמֶען דִי בֶּעזֶעם אִין אִיר הַאנְט. עֶס זֶענֶען דָא דֵיימַאנְטְן וֶועלְכֶע וַואלְגֶערְן זִיךְּ אוֹיף דֶער עֶרְד. זִי וֶועט זֵיי צוּזַאמְנֶעמֶען. אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס וֶועלְן דַארְפְן וַוארְטְן נָאךְ אַבִּיסְל.

נִישְׁט נָאר אֶסְתִּי זַאמְלְט זִיךְּ אָן דֵיימַאנְטְן, יֶעדֶע אִידִישֶׁע אִינְגְל אוּן מֵיידְל זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט דֵיימַאנְטְן. הָאסְט זִיךְּ גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער הַיינְט צוּפְרִי? אַ דֵיימַאנְט! הָאסְט גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה בַּיים דוּרְךְּ גֵיין דִי טִיר? אַ דֵיימַאנְט! הָאסְט בַּאגְרִיסְט דַיין מַאמֶע? אַ דֵיימַאנְט! הָאסְט אַ קַאפְל, צִיצִית, פֵּיאוֹת? אַ דֵיימַאנְט! בִּיסְטוּ אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ אִידִישֶׁע מֵיידְל? אַ דֵיימַאנְט!

קֶענְסְטוּ אוֹיסְרֶעכֶענֶען וִויפִיל דֵיימַאנְטְן דוּ הָאסְט שׁוֹין הַיינְט אַיינְגֶעזַאמְלְט?




דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר טֶעג הָאט ר' זַלְמָן גֶעכַאפְּט דֵיימַאנְטְן צוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶער יֶעדֶער הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים. "וָואס קְלוֹיבְּסְטוּ דָא? שְׁטֵיינֶער?" נוּץ דַיין צַייט פַאר בֶּעסֶערֶע זַאכְן. לֵייג אַוֶועק לִיכְט, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶוערְדְפוּלֶע זַאךְ דָא", הָאבְּן "קְלוּגֶע" מֶענְטְשְׁן אִים גֶע'עֵצָה'ט, ר' זַלְמָן הָאט גֶעפָאלְגְט, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַסַאךְ יָארְן צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט אוּן קוֹיפְן - לִיכְט! נָאךְ פִיל יָאר הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אַ גַאנְצֶע קַאסְטְן אָנְגֶעפִילְט מִיט לִיכְט אוּן עֶר הָאט זִיךְּ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי לַאנְגֶע וֶועג אַהֵיים.

"טַאטִי אִיז דָא!" ר' זַלְמָנְ'ס קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אִים בַּאגְרִיסְן. "קוּקְסְט קִינְדֶער וָואס אִיךְּ הָאבּ עֶנְק אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט, מִיר וֶועלְן מֶער נִישְׁט זַיין אָרֶעם". ר' זַלְמָן הָאט זֵיי גְלַייךְּ גֶעוָואלְט וַוייזְן דִי טֵייעֶרֶע לִיכְט אוֹיף וָואס עֶר הָאט אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט. אַלֶע שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְּן זִיךְּ אוֹיךְּ פַארְזַאמְלְט צוּ זֶען דִי טֵייעֶרֶע אוֹצְרוֹת פוּן ר' זַלְמָנְ'ס וָואגְן.

"וָואס אִיז דָאס, ר' זַלְמָן? לִיכְט?! פַאר דֶעם בִּיסְטוּ אַוֶועקְגֶעפָארְן אַזוֹי וַוייט, פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט?!" אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְּ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, "לִיכְט אִיז דָאךְ אַ בִּילִיגֶע זַאךְּ, וואוּ אִיז דַיין גֶעלְט?! פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְּ גֶעלָאזְט נַארְן?"

ר' זַלְמָן הָאט זִיךְּ דֶערְמַאנְט פוּן דִי דֵיימַאנְטְן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְּ גֶעוַואלְגֶערְט אִין דִי גַאסְן פוּן דִי טוּנְקֶעלֶע שְׁטָאט. "אוֹי וִוי נַארִישׁ בִּין אִיךְּ גֶעוֶוען" הָאט עֶר גֶעוֵויינְט - "אִיךְּ וָואלְט גֶעדַארְפְט כַאפְּן דֵיימַאנְטְן אַנְשְׁטָאט לִיכְט, אָבֶער יֶעצְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט".

"טַאטִי" - הָאט זַיין קְלֵיין קִינְד אוֹיסְגֶערוּפְן - "עֶפֶּעס בְּלִיטְשְׁקֶעט אִין דַיין רֶענְצְל, עֶס זֶעט אוֹיס

# דעם רבינ׳ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי׳ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: וואויל איז דער וואס עסט משניות, און טרינקט קאפיטלעך תהלים, און ער טוט זיך אן מיט מצוות.

## ברסלב׳ע חידות

**חז״ל זאגן: ״לְפוּם צַעֲרָא - אַגְרָא״, לויט ווי שווער עס קומט אן א מצוה אלץ מער ____ באקומט מען דערויף.**

א. שמחה
ב. שכר
ג. געלט
ד. יארצייט סעודה׳ס

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז״ל זאגן: די שענסטע זמן פון א מענטש זענען זיינע יונגע יארן

## געב א שמייכל

**פארוואס האט א דזשיראף אזא לאנגע האלז?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט״א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**מז. מַה שֶׁיִּשְׂרָאֵל הוֹלְכִים בַּגָּלוּת מֵאֻמָּה לְאֻמָּה, הוּא סִימָן שֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ.**

דָאס וָואס אִידְן גֵייעֶן אִין גָלוּת פוּן אֵיין פָאלְק צוּם צְווייטְן פָאלְק, אִיז אַ סִימָן אַז מָשִׁיחַ וָועט קוּמֶען.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מעןליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס׳איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **נחמן נתן אינדיג - קרית ברסלב - כתה ח**



# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

צירי דֶערְצֵיילְט: הַיינְט אִיז שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען דִי טָאג אוֹיף וֶועלְכֶע מֶען וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג!

מֶען הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אַ לַאנְגֶע רֵייזֶע קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג גֶעהָאלְפְן אַיינְפַּאקְן דִי רֶענְצְלֶעךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן אַיינְצוּפַּאקְן וַוייל סְ'גֶעוֶוען אַזוֹי פִּיל זַאכְן, מֶען הָאט גֶעפַּאקְט אוּן גֶעפַּאקְט אוּן גֶעפַּאקְט...

"אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מִיר פַארְמָאגְן אַזוֹיפִיל זַאכְן!" הָאט מֶענְדִי אוֹיסְגֶעדְרִיקְט זַיין פַארְוואוּנְדֶערוּנְג.

"אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט - הָאבּ אִיךְ צוּגֶעלֵייגְט - שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר הָאבְּן אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע זַאכְן, קְלֵיידֶער שַׁבָּת'דִיגֶע אוּן וָואכְנְדִיגֶע, שִׁיךְ, נַאכְט קְלֵיידֶער, צִירוּנְג, בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְגֶען, עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן נָאךְ אַסַאךְ, אַסַאךְ זַאכְן!"

"שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" הָאבְּן מִיר צוּזַאמֶען אוֹיסְגֶערוּפְן.

"יֶעי, דָא אִיז שׁוֹין דִי עֶירְפָּארְט? וואוּ אִיז דִי פְלִיגֶער?" הָאבְּן הֶענְדִי אוּן וֶועלְוֶועלֶע גֶעפְרֶעגְט.

"וַוארְט, וַוארְט, גֶעדוּלְד - הָאט מַיין טַאטֶע זֵיי בַּארוּאִיגְט - אִין אַ לוּפְטְפֶעלְד פַארְקוֹיפְט מֶען עֶפֶּעס, אִיר וָואס וָואס?"

"וָואס? וָואס פַארְקוֹיפְט מֶען דָארְט?" אִיז יֶעדֶער גֶעוָוארְן נֵייגֶערִיג.

"טִיקֶעטְ'ס?"

"נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ"

"עֶסְן?"

"אוֹיךְ נִישְׁט?"

"טְרִינְקֶען?"

"נֵיין! אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן: אִין אַ לוּפְטְפֶעלְד לֶערְנְט מֶען אוֹיס - גֶעדוּלְד! דָא קֶען מֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִידַּת הַסַּבְלָנוּת, וַוייל מֶען דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ וַוארְטְן!"

"מֶענְדִי, דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעפָארְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין אוּמַאן, וֵוייסְטוּ שׁוֹין, אֶמֶת? קוֹדֶם דַארְף מֶען וַוארְטְן צוּ אַרַיינְשִׁיקְן דִי רֶענְצְלֶעךְ, נָאכְדֶעם דַארְף דִי בַּאַמְטֶע אִיבֶּערְקוּקְן דִי פַּאסְפָּארְטְן אוּן דִי טִיקֶעטְ'ס, מֶען דַארְף וַוארְטְן בַּיי דִי לֵיין אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְן פְלִיגֶער, מֶען דַארְף זִיצְן גֶעדוּלְדִיג בִּיז דִי פְלִיגֶער הֵייבְּט זִיךְ אוּן פַאנְגְט אָן זַיין וֶועג, אוּן נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיט אַסַאאַאַאַאַךְ גֶעדוּלְד פַאר דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה, בִּיז מֶען קוּמְט אָן".

"אוּן אַזוֹי אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן" - הָאט טַאטִי צוּגֶעעֶנְדִיגְט - "שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, יֶעדְן מָאל אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ!" "בַּאשֶׁעפֶער אִין הִימְל! וואוּ אִיז וֶועלְוֶועלֶע'ס פַּאסְפָּארְט?"

מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעקוּקְט יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס הַאנְט בַּאגַאדְזְשׁ, אוּן אוֹיךְ דִי טֶעשֶׁער פוּן דִי קְלֵיידֶער אוּן וואוּ נִישְׁט, אָבֶער דִי פַּאסְפָּארְט אִיז פַארְשְׁוואוּנְדְן. טַאטִי הָאט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דִי פַּאסְפָּארְטְן.

טַאטִי'ס אִיז דָא, מַאמִי'ס אִיז דָא, צִירִי'ס אִיז אוֹיךְ דָא, מֶענְדִי אִיז דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם, הֶענְדִי'ס אִיז דָא אוּן נָתִי'ס אִיז דָא. נָאר וֶועלְוֶועלֶע'ס פַּאסְפָּארְט אִיז נִישְׁטָא!!!

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן וֶועלְוֶועלֶע'ס פַּאסְפָּארְט.

"אִיךְ גֶעדֶענְק קְלָאר אַז מֶען הָאט עֶס גֶעלֵייגְט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע פַּאסְפָּארְטְן! - הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט - נָאר מִיט תְּפִלָּה וֶועט מֶען עֶס טְרֶעפְן, קוּם נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". נָאךְ אַ מִינוּט פוּן תְּפִלָּה אִיז אַרִיבֶּער, וֶוען יֶעדֶער שֶׁעפְּשֶׁעט שְׁטִילֶערְהֵייט.

"וָואס אִיז גֶעשֶׁען, פַארְוָואס גֵייט מֶען נָאכְנִישְׁט אַרוֹיף אוֹיפְן פְלִיגֶער, וַוייל אַייךְ ווילְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְוֶועטְשְׁט וֶוען דִי פְלִיגֶער פְלִיט אַרוֹיף? אָה, מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז!"

"נֵיין נָתִי" - הָאט אִים מֶענְדִי גֶעעֶנְטְפֶערְט - "מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן וֶועלְוֶועלְ'ס פַּאסְפָּארְט".

"וָואס מֵיינְט 'פַּאסְפָּארְט'?" הָאט נָתִי גֶעפְרֶעגְט.

"אַזַא קְלֵיינֶע בּוּךְ, וָואס מִיט דֶעם פָארְט מֶען אַרוֹיס פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן" הָאט וֶועלְוֶועלֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט מְבִינוּת.

"אָהָ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִינְדֶערְהֵיים אַ בּוּךְ וָואס הָאט אִינֶעוֵוייניג אַ בִּילְד פוּן וֶועלְוֶועלֶע - הָאט נָתִי גֶעזָאגְט - הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז וֶועלְוֶועלֶע'ס, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אִים גֶעוָואלְט אָפְּהִיטְן בַּיי אַ גוּטֶע פְּלַאץ, הָאבּ אִיךְ עֶס עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן, אִיךְ זָאג עֶנְק נִישְׁט אוֹיס וואוּ!"

"אָבֶער נָתִי, מֶען דַארְף עֶס שְׁנֶעל הָאבְּן, וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען פָארְן דִיר אָפְּשֶׁערְן אוּן מַאכְן שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת אִין מִירוֹן!" הָאבּ אִיךְ אִים עֶרְקְלֶערְט.

"מֶען קֶען עֶס זוּכְן מִיט אַ לֶעכְטְל, אַזוֹי וִוי דִי 10 בְּרֶעקְלֶעךְ חָמֵץ!" הָאט נָתִי זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט.

"וֵוייסְט וָואס נָתִי?" - הָאט טַאטִי גֶעזָאגְט - "זָאג אוּנְז אוֹיס וואוּ עֶס לִיגְט, אוּן טַאטִי וֶועט דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי!"

"יוֹ, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי נָתִי גֵייט אוּנְז יֶעצְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע אֲפִיקוֹמָן, אוּן מֶען דַארְף אִים צוּזָאגְן אַ בַּאלוֹינוּנְג!" הָאט מֶענְדִי גֶעלַאכְט.

"יֶענֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן מִירוֹן?" הָאט זִיךְ נָתִי אָנְגֶעגַרֵייצְט "אִיךְ גֵיי שׁוֹין פָארְן צוּ אִים. יָא טַאטִי, פַארְצֵייל מִיךְ פוּן אִים! אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן: דִי פַּאסְפָּארְט פוּן וֶועלְוֶועלֶע

ל. סאקס

ליגְט... אַהמְמְמְמְמ... טִיף, טִיף, טִיף אִין דִי גְרִינֶע רֶענְצל. אֱמֶת, עֶס אִיז אַ גוטֶע בַּאהֶעלְטֶענִיש? קֵיינֶער הָאט עֶס אֲפִילוּ נִישְט גֶעטְרָאפְן!" יֶעדֶער הָאט אָפְּגֶעאָטֶעמְט.

אָה, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְטֶער אַז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין וואוּ עֶס אִיז.

"אָבֶּער ווִיאַזוֹי קוּמְט מֶען יֶעצְט אָן צוּ דִי רֶענְצְל, מֶען הָאט עֶס דָאךְ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעלָאזְט בַּיי דִי פְּלַאץ פוּן דִי רֶענְצְלֶעךְ?"

"נָאר מִיט תְּפִלָּה!!!"

אַ פְּרִישֶע סֶערִיֶע פוּן תְּפִילוֹת הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען, טַאטִי אוּן וֶועלְוֶועלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּם אַגֶענְט וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי לֵיין פוּן דִי רֶענְצְלֶעךְ, אָבֶּער יֶענֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן רֶעדְן אוֹיף זַיין פָאוֹן 'יָא דְזְשֶעקִי, אִיךְ וֵוייס נִישְט וָואס צוּ טוּן! אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי רֶענְצְלֶעךְ אַ פַּאסְפָּארְט אוּן...'

"מִיסְטֶער, מִיסְטֶער, דָאס אִיז מַיינְס!" טַאטִי הָאט אִים פְּרָאבִּירְט אִיבֶּערְהַאקְן, אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג.

"זֶעט אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער וַוארְט אוֹיף נָאךְ תְּפִילוֹת, לָאמִיר וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין!"

"אֵייבֶּערְשְטֶער, דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַזוֹיפִיל בִּיז אַהֶער, הָאסְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, הֶעלְף אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי פַּאסְפָּארְט אוּן פָארְן בְּשָׁלוֹם!"

"הֶעי, דוּ! קוּם אַהֶער!"

אַזוֹי ווִי מֶען הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי תְּפִלָּה, הָאט מֶען ווִי דֶער אַגֶענְט רוּפְט צוּ וֶועלְוֶועלֶע - "בִּיסְטוּ נִישְט דֶער אֵייגְנְטִימֶער פוּן דִי פַּאסְפָּארְט? אִיךְ זֶע אוֹיף דֶעם אַ בִּילְד פוּן דִיר!"

"יָא, דָאס אִיז אוּנְזֶער פַּאסְפָּארְט" - הָאט מַיין טַאטֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט - טֶענְק יוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְן!"

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא רִיזִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט "אִיךְ מוּז עֶס פַארְצֵיילְן פַאר אַלֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קִינְדֶער, זָאל זִיךְ יֶעדֶער דֶערְמַאנֶען, אַז וָואס מֶען ווִיל בַּאקוּמְט מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה!!!"



# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


משפחת סאמעט


משפחת פערל


אליעזר שלמה יאקאבאוויטש


יחזקאל דעפריס


רחל'ע יאקאבאוויטש



משפחת ווערטהיימער


פייגי און חי' לאנדא


שמואל בירנבוים

# בלעטל פארמעסט

מאך איין תפלה פארדעם
וועט עס גיין אסאך גרינגער

בלעטל פארמעסט
שבועות
תשפ"ה

## טייערע בלעטל קינדער

**עס קומט שוין דער הייליגער יום טוב שבועות אויף דער וועלט!
לאמיר זען וואס דו קענסט אהערשטעלן פאר די מעכטיגע**

# שבועות פארמעסט!

**שטעל אהער סיי וועלכע זאך עס האט צוטון מיט שבועות, עס קען געמאכט ווערן מיט שפילצייג, עסן, געמאלן אויף א פאפיר, און ווער ס'קען - קום אויף מיט אן אייגענעם מאטריאל מיט וואס צו מאכן דיין פראיעקט!**

שיק אריין א בילד פון דיין ערליכע האנטווערק צו די מערכת, און די אלע בילדער וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווערן ארייגעשטעלט דא ביים בלעטל פארמעסט.

**דערנאך וועלן די חשובע קינדער אויסוועלן וועלכער בילד עס געפעלט זיי די מערסטע, און דער בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט זיין די געווינער פונעם פארמעסט!**

די בילדער קען מען שיקן צו 845.379.1161 אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

## לאמיר זען וואס דו קענסט!

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב




לחיים פארן נתינת השם פון בת מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו אין ישיבה



די תלמוד תורה אין שטעטל ביים מאכן ברכת האילנות



מען טיילט אויס די טשעקלעך פאר די איינגעשטעלטע פונעם מוסד - ערב פסח תשפ"ה




די צוויי פאנדרעיזערס פונעם האשקי שול ביים אהערשטעלן א פרישטאג פארן ציבור

קרעדיט: אייזיק ראטה, שמואל בלעדי, נפתלי זאבל, יוסי פרערויא





וואכנאכט ביי מו"ה שבתי מזרחי הי"ו





ברית להילד יוסף חיים בן מו"ה שבתי מזרחי הי"ו





דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין כולל היכל הקודש אין שטעטל



א שמועס מיטן דיין שליט"א



דער מלמד מו"ה הערשל שניצלער שליט"א ביים לערנען מיט קינדער





די קינדער פון ירושלים ביי א טריפ און ביים גיין קוקן די סימני טהרה פון א פיש ביי מו"ה מרדכי לעווינזאן





ביים שמעקן הדסים אין מוסיאף שול



ר' שבתי מארקוס, גבאי "רענט קאמפיין" איז מתפלל פאר אלע תומכים אין קערעסטיר



געטרייע חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו
ביים פארעכטן דעם עירוב אין שטעטל



סיום מסכת מכות אין ישיבה





סיום מסכת מכות אינאיינעם מיט יארצייט סעודה לע"נ הרה"ק רבי ישעיה ב"ר משה זי"ע אין ביהמ"ד מאנסי






סקעטש פונעם נייע ביהמ"ד וויאזוי עס וועט אויסזען פונדרויסן





פארשריט ביים נייעם ביהמ"ד אין שטעטל


בעזהשי"ת
פֶּסַח שֵׁנִי
לכבוד רבי מאיר בעל הנס
מִיט'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה
אִין יְרוּשָׁלַיִם
ההתכנסות המרכזית ליושבי ארץ הקודש
בראשות
מורנו ראש הישיבה שליט"א
בשילוב סעודת 'פסח שני' ושיחת הוד מיוחדת
ביום שני
י"ד באיר תשפ"ה
באולמי מונדיאל
רחוב בית הדפוס 13, י-ם
נטילת ידיים בשעה 19:15
ההתכנסות מיועדת לכל בני המשפחה
אנשים נשים וטף
דמי כניסה סמליים להוצאות ההתכנסות:
25 ₪ למשפחה
הסעות מאורגנות מכל חלקי הארץ
למען ציון לציון
נותנים כבוד לראש הישיבה שליט"א
מכירים טובה ומתאמצים למען מוסדות היכל הקודש בארה"ק
למען הסדר הטוב: הכניסה תתאפשר רק לבעלי כרטיסים
ההרשמה היא דרך הגבאים די בכל אתר ואתר